STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06421

DI VOS ZAYNEN NISHT GEBLIBN

Rachmil Bryks

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ירחמיאל בריקס

די וואָס זיינען נישט געבליבן

דערציילונגען

אַרויסגעגעבן פון „ירחמיאל בריקס בוך קאָמיטעט״, ניו יאָרק, נ. י.
מיט דער מיטהילף פון „יידישן פ.ע.נ. קלוב״, ניו יאָרק, נ. י.

ניו יאָרק 1972 תל אביב

Those Who Didn't Survive

Novel

by

Rachmil Bryks

Copyright **1972** *by*

RACHMIL BRYKS

240 W. 102nd Street
New York, N. Y. 10025
Tel. 663-3436

Printed in the United States of America

א מתנה מיינע טייערע פריינט:

פרעזידענט ר׳ זלמן שזר,

פאָעט און איינער פון די גדולי הדור,

און קאָלעגע **ר׳ מאיר וויסגאַל,**

דעם גרויסן ייד און גרויסן מענטש.

[illegible] זלמן שזר

רחמיאל בריקס און פּאַבלאָ נערודאַ



ירחמיאל בריקס און זײַן פֿרוי פּונדע

אַ בריוו פון נאָבעל־פּרייז געווינער ש. י. עגנון, געשריבן אין יידיש

„ירושלים, תלפיות, י״ג בטבת תשכ״ט.
לכבוד הסופר מר ירחמיאל בריקס :

איך האָב שוין ברוך השם באַקומען פון אייך כמה חבורים. איך בין אַן אַלטער איד און מיר איז זעהר שווער צו לייענען. אָבער צוליב די חשיבות פון אייערע ספרים און פון אייך אַליין, כאַפּ איך פון צייט צו צייט אַ בליק אין אייערע ספרים. און כאָטש איך האָב צער איבער די צרות, וואָס איר האָט איבערגעלעבט, בין איך זיך משתומם אויף אייער כוח — אייך און אייער שרייבען.

בכבוד וברכות,

ש. י. עגנון".

מכתב של חתן פרס נובל ש. י. עגנון הכתוב יידיש

ירושלים, תלפיות, י״ג בטבת, תשכ״ט.
לכבוד הסופר מר ירחמיאל בריקס :

כבר קיבלתי ברוך השם ממך כמה חיבורים. יהודי זקן אני וקשה לי מאד לקרוא. אבל משום חשיבותם של ספריך ושלך עצמך, הריני מעיין מזמן לזמן בספריך. ואף שאני מוצער מצרות שעברו עליך, הריני משתומם על כוחך — עליך וכתיבתך.

בכבוד וברכות,

ש. י. עגנון

די וואָס זיינען נישט געבליבן

פון ירחמיאל בריקס

אין מיין שטעטל סקאַרזשיסק, פוילן, וואָס ליגט צווישן קעלץ און ראַדאָם און צווישן אָסטראָווצע און קינצק, האָב איך געהאַט אַן עלטערפעטער, ר׳ מענדל פעלדמאַן. ער איז געווען אַ ברודער פון מיין באָבע ליבע, מיין מאַמעס מוטער. ר׳ מענדל פעלדמאַן איז געווען איינער פון די שענסטע, בכבודיקסטע און אויך רייכסטע יידן אין פוילן. ער איז געווען אַ תלמיד־חכם און אויך געלערנט אין וועלטלעכקייט, אַ הדרת־פנים, אַ לאַנגע, ברייטע, שיינע באָרד, אַ הויכער שטערן, שוואַרצע ליכטנדיקע אויגן, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעשטראַלט חכמה; אַ נאָז אַזוי ווי אַ הדר (שיינער אתרוג). ער האָט געטראָגן אַ קאָנגרעס־פוילן חסידישע־הלבשה. ריין און ציכטיק, פון טייערסטן וואָל, אַלפּאַגע, זייד, פלוש, סאַמעט און אַטלאַס, תמיד זויבער, אָן אַ פגם און שיין אויסגעפרעסט. אין דער וואָכן: אַ לאַנגע, וואָלענע, גראַנאַטענע, געהאַקטע „ביצע" מיט אַ שפּאַלט פון הינטן, הויזן מיט מאַנקעטן, פון דער זעלבער סחורה מיט אַ פרעס; אַ יידיש היטל (וואָס יידן האָבן גערופן „גלות היטעלע"): פון שוואַרצן טוך, קיילעכדיק און נידעריק, אַזוי ווי אַ בראָט־פענדעלע, מיט אַ קליינטשיק דאַשיקל פון זעלבן שטאָף,

ווי אַ שטיקעלע לבנה. זומער האָט ער געטראָגן האַלבע שטיבלעטן און ווינטער גאַנצע שטיבלעטן. ער איז געווען פון העכערן וואוקס, ברייט פלייציק. אַ שיין געשטאַלט. ער האָט געטראָגן אַ ווייסן שטייפן קראַגן, מיט אַ שוואַרצער ברייטער בינדע. אין יענע צייט האָט דאָס ביי חסידים געהייסן אַפּיקורסיש, אָבער פאַר ר׳ מענדל פעלדמאַן האָט דאָס געפּאַסט. ער האָט געלאָזט נייען אַלע זיינע און זיינע זינס און זיינע איי־ניקלעכס מלבושים ביי פסח שניידער, וואָס האָט פאַר אים געאַרבעט אַ גאַנץ יאָר און דער שניידער האָט זיך מיט דעם געיחוסט.

* * *

ר׳ מענדל פעלדמאַן האָט געהאַט אין סקאַרזשיסק אַן אייזן־פאַבריק און אויך אַ טאַרטאַק. עס האָבן ביי אים געאַרבעט עטלעכע הונדערט פּאָליאַקן און אויך יידן. ער האָט אויך געהאַט אין שטעטל אַ צעמענ־טאָווניע, אַ טייך, פעלדער, לאָנקעס, סאַדזעווקעס, היי־זער, אַ הויז אויפן פּאָסאַדאַי, מיט אַ לאָנקע און פעל־דער. ער האָט אויך פאַרמאָגט אַ „וואַלצאָווניע״ אין ראַדאָשיץ, וואו מען האָט אויסגעאַרבעט וואַלצן צו מילן און ער האָט אויך געהאַט הייזער אין וואַרשע און אין בערלין.

ר׳ מענדל פעלדמאַן האָט געוואוינט אין אַ פּאַ־לאַץ, וואָס איז געשטאַנען אין אַ גאָרטן. דער הויף האָט געהאַט דריי איינגענג: פון דער הויפּט־גאַס, וואָס מען האָט גערופן „דריטער מאַי״; און פון הינטן, וואו מען איז אַריינגעפאָרן דורכן הויף, וואו עס זיי־נען געווען די שטאַלן פאַר זיינע פערד און פאַר די בהמות, די סטאָדאָלעס פאַר היי און שטרוי און פאַר די שעצקאַרניע. דער דריטער איינגאַנג איז געווען

פון דער פאַבריטשנער גאַס ביים טייך קאַמיעננאַ. אויף דער גאַס איז אַ גאָרטן איז אויך געשטאַנען ר׳ מענדלס אַ הויז, וואו עס האָבן געוואוינט זיינע יידישע באַאַמטע — די בוכהאַלטערס און די ביוראָ־אָנגעשטעלטע. די גאַנצע אַדמיניסטראַציע איז געווען פון יידן.

* * *

אין פּאַלאַץ גופא, זיינען געווען איינגענג פון אַלע פיר זייטן, מיט ברייטע, לאַנגע וועראַנדעס. די דריי הינטערשטע וועראַנדעס זיינען געווען מיט דעכער, און די ווענט פון געפלאָכטענע שטאַכעטן זיינען זומער גע־ווען געדיכט באַוואָקסן מיט גרינע בלעטער פון קריך־פלאַנצן. דער פראָנטאָווע איינגאַנג אין פּאַלאַץ איז געווען אַ ברייטער און אַ הויכער — ווייס־מאַרמאָרנע שטיגן מיט אַ ווייס־מאַרמאָרנער פּאָדלאָגע. אַרום זיי־נען געווען געשניצטע שטאָלענע פּאָרענטשעס, אַרום וועלכע עס זיינען געשטאַנען לאַנגע אָנלען־בענק. דאָ איז שטענדיק געווען טומלדיק פון יידן, וואָס האָבן געפירט הייסע וויכוחים וועגן אַלץ אין דער וועלט.

ביים פראָנטאָווע איינגאַנג איז געווען אַ קיילעכ־דיקער גאָרטן מיט כלערליי בלומען־בייטן און ביי־מער: יאַשמין, קאַלינעס, אַקאַציעס, בעז ווייסער און פיאָלעטער. איז דער מיט איז געווען אַ קיילעכדיקער בייט. אין די זייטן קלענערע בייטן — מיט אַלערליי בלומען. דער רונדיקער גאָרטן איז געווען אַרומגע־צוימט מיט ווייסע שטאַכעטן. ווען דער „פאָוואוז״ איז אַריינגעפאָרן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביים הויפּט־איינגאַנג; דערנאָך האָט ער זיך אַרומגעדרייט דעם קיילעכדיקן גאָרטן און לייכט צוריקגעקומען צום טויער צוריק אַרויסצופאָרן.

פון אַלע זייטן זיינען געווען אַרומגעצוימטע גערט־

נער וואו עס האָבן געוואַקסן אַלערליי ירקות און אַל־ערליי פּרוכט־ביימער. אַרום די פּלויטן האָבן גע־וואַקסן נידעריקע ביימעלעך מיט רויטע וויינפּערלעך און אַגרעסן. ביי די פּלויטן גופא: הויכע גראַבעס, ליפּעס, אַקאַציעס, בזשאָזעס, יונגע דעמבעס, יאָד־לעס און סאָסנעס. אַרום פּאַלאַץ גופא זיינען געוואַקסן רויזן ווייסע, ראָזע, רויטע און געלע; אַ סך בעז־ביימער ווייסע און פּיאָלעטע; פון בידע זייטן ווערענדע זיי־נען געווען אויף שטאָלענע דרענגער גרויסע קיילעכ־דיקע שפּיגלען אַזוי ווי גלאָבוסן, וואָס האָבן אין מיניאַ־טור אין זיך אַריינגענומען די גאַנצע פּאַנאָראַמע פון אַרום און אַרום מיט אַלע פאַרבן פון די ביימער, גראָז און בלומען, ס'האָט אויסגעזען, אַז עס ציט זיך קילאָ־מעטערס ווייט.

אויסער די גערטנער איז דאָ אויך געווען אַן אַלייע, פון אַלערליי שמעקנדיקע ביימער, וואָס האָט זיך גע־צויגן ביז צום טייך קאַמיענגאַ. (קאַמיען איז אויף פּוי־ליש אַ שטיין. דאָס וואַסער דאָ פליסט פון אַ שטיין, דערפאַר רופט מען דעם טייך קאַמיענגאַ און דאָס שטעטל — סקאַרזשיסקאָ קאַמיענגאַ). דאָ, אין דער אַלייע, פלעגט ר' מענדל פעלדמאַן שפּאַצירן מיט זיינע פריינט און רעדן דברי־תורה. דאָ פלעגט ער אין די זומערדיקע שבתים, פאַרטאָג זיצן אין אַלטאַנקע, און מעביר סדרה זיין און לערנען אַ בלאַט גמרא. נישט ווייט פון דער אַלייע, וואו עס זיינען געוואַקסן הויכע און נידעריקע ביימער, איז געווען אַ פּלויט און באַלד איני־דרויסן האָבן זיך געצויגן באַן־רעלסן (וואָס יידן האָבן גערופן: די „ליניקע"), פון דער באַן ביז אין ר' מענדל פעלדמאַנס פאַבריק אַריין. די „ליניקע" האָט זיך גע־צויגן איבער דער גאַנצער ברייט פון סקאַרזשיסק, סיי־

איבער די הויפּט־גאַסן און סיי איבער די געסלעך. עטלעכע מאָל אין טאָג האָט מען דאָ מיט גרויסע לאַ־קאָמאָטיוון אַריינגעפירט אין דער פאַבריק צו עטלעכע וואַגאָנען רוי־מאַטעריאַלן: שלאַקע, קוילן, שמעלץ א. א. און אַרויסגעפירט וואַגאָנען אויסגעפאַרטיקטע סחורה: וואַנעס, אַקעראַיזנס, שעצקאַרניעס, רעזער־וואואַרלעך, „קאַנאַנדלעך״, קיך־פּלאַטן מיט פייערקעס, קעסטלעך טשוועקעס, ברעטער פון טאַרטאַק א. א. ר׳ מענדל האָט באַקומען מעדאַלן פון דער מלוכה און ער האָט אויסגעפּועלט, אַז אין סקאַרזשיסק זאָל זיין די הויפּט באַן־סטאַנציע פון דער געגנט. נישט איין שלעכטע גזירה קעגן יידן האָט זיך אים איינגעגעבן צו צערייסן. נישט איין מאָל האָט דער זאַוויאַדאָווצע פון דער באַן אויפגעהאַלטן דעם צוג, כדי דער פאַן פעלדמאַן זאָל נישט פאַרשפּעטיקן. ר׳ מענדל האָט געהאַט בטחון אין גאָט, ער פלעגט אָפט זיך אונטער־זינגען מיט אַ מיסטישן ניגון אַ זמרל:

אויב נישט קיין בטחון אין גאָט ברוך הוא?
וואָס־זשע טויג מיר אַלץ וואָס איך טו?
אויב נישט צו גלויבן אין זיין גאולה —
לוינט נישט צו לעבן אַ רגע אפילו.

* * *

ר׳ מענדל פעלדמאַן האָט מיט זיין עלטסטער טאָכ־טער, חיה שרה, זיך משדך געווען מיט דעם אַמשי־נאָווער רבין. דער איידעם האָט געהייסן מרדכילע. ר׳ מרדכילע איז געווען אַן איש תמים. ער האָט נישט אָנגעקוקט קיין צורת מטבע. ער איז געווען אַ גרוי־סער תלמיד חכם. די חתונה האָט זיך געצויגן אַכט מעת־לעת. ר׳ מענדל האָט געלאָזט אויפבויען ספּע־

ציעלע שאָפּעס פאַר די געסט ביי זיך אין די גערטנער. ער האָט ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט פון וואַרשע קאָרבערס, בעקערס און סאַרוועררס. ער האָט ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט אַ וואַגאָן לעבעדיקע פיש פון וואַרשע, וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן אויף זיינע באַן־רעלסן אונטער זיין פּאַלאַץ. מען האָט געבאַקן חלות און בולקעס, אייער־קיכלעך, לעקעכער, פלאָדן, טאָרטן, שטרודל און אַלערליי געזאַלצענע און זיסע געבעקס. מען האָט געשאָכטן טויזנטער עופות: הינער, קורטשאַקעס, גענדז, קאַטשקעס, פּערליטשקעס און אינדיקעס. מען האָט געקאָכט און געבראָטן. געבראָטן טויבן אָנגעפּילטע מיט ראָזשינקעס. אָרעמע לייט און מדינה־גייער זיינען געקומען פון גאַנץ פּוילן. יעדן טאָג האָט ר׳ מענדל געמאַכט אַ סעודה פאַר די אָרעמע לייט, פון די בעסטע און טייערסטע מאכלים. די קלעזמאָרים האָבן צוגעשפּילט און די כלה האָט געטאַנצט מיט יעדן אָרעמאַן מיט אַ טיכל און מיט יעדער אָרעמער יידענע און ר׳ מענדל האָט יעדן פון זיי געטיילט אַ קערבל.

דער מחותן, דער אַמשינאָווער רבי, איז איינגעשטאַנען אין איינעם פון ר׳ מענדלס הייזער. אַן ערך אַ האַלבן קילאָמעטער פון ר׳ מענדלס פּאַלאַץ, איז דער וועג געווען אויסגעלייגט מיט פּערסישע דיוואַנען, לכבוד דעם רבין. דער רבי איז יעדן טאָג נאָכן מיטאָג אַהיים געגאַנגען זיך צו לייגן כאַפּן אַ דרימל, האָבן אים אַלע באַגלייט. די צוויי אַראָפּגעבראַכטע קאַפּעליעס האָבן געשפּילט אַ מאַרש און דער עולם האָט צוגעזונגען און צוגעפּאַטשט מיט די הענט:

דער רבי גייט, דער רבי גייט, —
וואָל ער גיין געזונטערהייט.
דער רבי הייסט לוסטיק זיין,

וועט מען טרינקען ר׳ מענדלס מעד און וויין.

דער רבי גייט, דער רבי גייט,
— זאָל ער גיין געזונטערהייט.
אַהיים, אַהיים, אַהיים,
שלאָפן גיין, שלאָפן גיין.
שפעטער קומען צוריק צוגיין.

ביינאַכט, ווען מען האָט דעם רבין אַהיים געפירט, האָבן זיי געזונגען:

דער רבי גייט, דער רבי גייט,
זאָל ער שלאָפן גיין געזונטערהייט.
אַהיים, אַהיים, אַהיים,
מאָרגן קומען צוריקצוגיין.
מאָרגן ווידער פריילעך זיין.

עס זיינען געקומען אויף דער חתונה רבנים און רביים כמעט פון איבער גאַנץ פוילן.

*   *   *

אין ר׳ מענדל פעלדמאַנס הויז איז געווען אַ באַזונדערע פליישיקע קיך, אַ באַזונדערע מילכיקע קיך און אַ ספּעציעלע יום־טובדיקע קיך, וואָס איז אַ גאַנץ יאָר געווען געשלאָסן, מען האָט זי געעפנט נאָר אויף פּסח; ר׳ מענדל האָט אויך געהאַט ביי זיך אין הויז אַ כשרע מקווה מיט ווייסע קאַפּליעס.

ר׳ מענדל האָט פאַרמאָגט עפּעס אַ כוח, אַז אַלע האָבן אים ליב געהאַט — סיי יידן, סיי גויים. ר׳ מענדל איז געווען אַ גרויסער בעל צדקה. אויף אַ שמחה, ווי דער שטייגער איז ביי יידן, האָט מען אויפן טיש אָנגעדערגעשטעלט טעלערס פאַר פאַרשידענע הצטרכותן. פלעגט ר׳ מענדל אַריינלייגן צו עטלעכע הונדערט זלאָ־

טעס, בעת אַנדערע יידן האָבן אַריינגעלייגט צו איינצל־נע זלאָטעס, אָדער צו צענדליקער גראָשנס. ר׳ מענדל האָט אויך געשטיצט תלמוד תורות און ישיבות פון אַנדערע ישובים.

אין איינעם פון ר׳ מענדלס הייזער איז געווען די תלמוד־תורה. אין אַן אַנדערן — די פוילישע מלוכה־שע פאָלקס־שול, ביז די מלוכה האָט אויפגעבויט אַן אייגענעם שול־בנין. אין איינעם פון ר׳ מענדלס הייזער איז אויך געווען אַ יידיש־וועלטלעכע שול, וואו מען האָט געלערנט אין די בלויזע קעפּ. דער פּרעזעס פון דער שולע איז געווען הערשל וואָלאָווסקי, אַ שניידער בן שניידער, אַ ייד מיט אַ צוגעשוירענער רויטער באָרד, אַ פירער פון די אַנטוועקער, וואָס יידן האָבן גערופן „האַנטוועגעלעך״, אַ פּאָלקיסט. דאָרטן האָבן נאָר געלערנט קינדער פון באַלמעלאָכעס. די שולע האָט נאָר עקזיסטירט אַ קורצע צייט.

אין איינעם פון ר׳ מענדלס הייזער איז אויך געווען דער פּאָליציי קאָמיסאַריאַט.

* * *

ר׳ מענדל פעלדמאַן האָט געהאַט יחוס עצמו. מיין מאַמע, סערל הינדע, ע״ה, די טאָכטער פון ר׳ נתן קאָגען, ע״ה — זי איז אומגעבראַכט געוואָרן פון דייטשן און אוקראַינער אין יאָר 1942 — פלעגט אָפט דער־ציילן:

— דער פעטער מענדל איז געבוירן געוואָרן אין אַ דאָרף, נישט ווייט פון סקאַרזשיסק, ביי אָרעמע לייט, אָבער זייער בכבודיקע און שטאַרק פרומע. זיין פאָ־טער איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם, ער האָט געהייסן ירחמיאל (נאָך וועמען דער מחבר הייסט) און

די מוטער האָט געהייסן לאה, זיי זאָלן האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן. האָבן דערצויגן זייערע קינדער פֿאַר גוטע יידן, זאָלן חלילה נישט זיין אַזוי פֿאַרגרעבט, ווי זייערע שכנים, וואָס האָבן נישט געקענט נישט שרייבן און נישט לייענען. דאָס איז געווען די איינציקע יידישע משפחה אין דעם דאָרף. דער זיידע אַליין האָט גע־לערנט מיט די קינדער. זיי זיינען געווען אַזוי אָרעם, אַז זיי האָבן נישט געהאַט וואָס צו עסן. מענדל האָט געמוזט פֿאַשען די בהמות פון גלח, כדי עפּעס צו פֿאַר־דינען, מען זאָל קענען מאַכן שבת. ער האָט צונויפֿ־געקליבן פון די פעלדער אַלטע שטיקלעך אייזן און ער האָט באַצאָלט די פּאַסטוכער פֿאַר צונויפּקלייבן אַלטע שטיקלעך אייזן. ווען ער האָט שוין געהאַט אָנגעזאַמלט אַ פור מיט „שמעלץ" (אַלט אייזן), האָט ער דאָס אַריינגעפירט אין שטעטל אין דער אייזן־פֿאַבריק, וואָס האָט געהערט צום פּאָליאַק גראַבינסקי. אַזוי איז דאָס צוגעגאַנגען עטלעכע יאָר. מענדל האָט אָנגעזאַמלט אַ ביסל געלט און האָט אויסגעהאַלטן די משפחה. שפּעטער האָט ער שוין צוגעשטעלט וואַ־גאָנען שמעלץ און גראַבינגסקי איז אים שוין שולדיק געווען אַ סך געלט פֿאַר שמעלץ.

דער פּאָליאַק גראַבינסקי האָט געזען, אַז דער ייד פעלדמאַן האָט אַ גוטן קאָפּ — ער אַליין האָט געוואָלט אַרומהוליען אין וואַרשע — האָט ער אים פאָרגע־שלאָגן: ער זאָל ווערן אַ שותף צו דער פֿאַבריק. מענדל האָט דאָס אָנגענומען. און אַלצדינג איז גע־פֿאַלן אויף זיין קאָפּ. מיט זיין ענערגיע און שווערער אַרבעט האָט ער אויפגעבויט אַ גרויסע פֿאַבריק מיט אַ גיסערניע, וואו מען האָט געגאָסן שטאָל און פּראָ־דוצירט אַלערליי מעטאַל־מאַטעריאַלן, וואָס ער האָט פֿאַרשפּרייט וואַגאָנענווייז איבער גאַנץ פּוילן און אין

אויסלאַנד און ער האָט כסדר פאַרגרעסערט די פאַבריק.

אויסער די עטלעכע הונדערט פוילישע משפחות, וואָס האָבן געלעבט פון ר׳ מענדלס פאַבריק, האָבן אויך פון אים געהאַט פרנסה אַ סך יידישע משפחות און האָבן אויך געוואוינט בחינם אין זיינע הייזער.

* * *

ביי ר׳ מענדלס טיש האָבן תמיד מיטגעגעסן אורחים און מדינה־גייערס (מדינה־גייערס פון גאַנץ פוילן האָבן געוואוסט, אַז ביי ר׳ מענדל פעלדמאַן באַ־קומט מען אַ שיינע נדבה), סיי אינדערוואָכן, סיי שבתים און יום־טובים. ער האָט אַלע אויפגענומען בכבודיק און מיט שיינע נדבות.

ר׳ מענדל איז אויף קיין שום יום־טוב נישט גע־פאָרן צו אַ רבין, אָבער ער האָט זיך תמיד שואל עצה געווען מיטן אַלטן ראַדאָשיצער רבין, איידער ער האָט באַשלאָסן דורכצופירן אַ וויכטיק געשעפט, אָדער אַן אַנדערן וויכטיקן ענין.

* * *

ר׳ מענדל פעלדמאַן האָט געהאַט ס׳צווייטע ווייב. זי האָט געהייסן באַשעלע, אַ יפת תואר, אַ שטילע טויב. דאָס ערשטע ווייב פערעלע איז געשטאָרבן אין קימפעט ביים פינפטן קינד, אַ מיידל, וואָס האָט געטראָגן איר נאָמען. באַשעלע האָט אים געבוירן פיר קינד, דריי זין און איין מיידל: ירחמיאל, פריידקע, שלאָמטשו (שלמה) און סימטשו (שמחה בונים), נאָך דעם פּסשיס־כער רבין; די קינדער פון ערשטן ווייב האָבן געהייסן: הירש־משה, חוה־שרה, אסתר־רבקה, ברוך־משה און פערעלע.

ר׳ מענדל פלעגט אויף יעדן שבועות פֿאָרן מיט דער גאַנצער משפּחה קיין מאַריענבאַד (ער איז קראַנק געווען אויפֿן האַרץ). אויף שבעה עשר בתמוז איז ער אַהיים געקומען, ווייל דעמאָלט דאַרף אַ ייד שוין אָנהייבן קלאָגן אויפֿן חורבן בית־המקדש. עס הייבן זיך אָן די דריי וואָכן ביז תשעה באב.

ר׳ מענדל האָט געהאַט אַן אייגן חסידים־שטיבל, וואו עס האָבן געדאַוונט חסידים פֿון קלענערע „הייף״ (פֿון נישט שטאַרק באַוואוסטע רביים), אָבער גרויסע תלמידי חכמים. זיי האָבן נישט געוואָלט געהערן צו די „הייף״, וואָס האָבן געפֿירט פּאָליטיק: גער, אַלעקסאַנדער, באָבאָוו און אַנדערע. און מיט זייער רבין האָבן זיי זיך שטענדיק געקאָנט שואל עצה זיין, ווייל מען האָט געקענט צו אים אָנקומען.

דאָס שטיבל איז אויך געווען אַ חדר פֿאַר גמרא ייִנגלעך און דעם גמרא־מלמד, אברהם פּאָלאָסעצקי, האָט ר׳ מענדל ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט פֿון ליטע פֿאַר זיינע קינדער. איך האָב דאָ אויך געלערנט צו־זאַמען מיט אַ צוויי מנינים גמרא ייִנגלעך. דער מלמד האָט דאָ געוואוינט, טיר ביי טיר, מיטן וויב און דריי קינדער. אַזוי ווי עס זיינען דאָ אַריינגעקומען מדינה־גייער נאָך אַ נדבה, האָט שלאָמטשו געמאַכט אַ קאַ־סעלע מיט אַ שלעסל. יעדעס ייִנגל האָט געגעבן יעדע וואָך פֿינף גראָשן — אַזוי איז באַשלאָסן געוואָרן. דאָס קאַסעלע איז געשטאַנען אויפֿן ארון־קודש און שלאָמטשו האָט געהאַלטן דאָס שליסעלע. ווען עס איז אַריינגע־קומען אַן אָרעמאַן נאָך אַ נדבה, האָט ער עס אַראָפּ־גענומען, אויפֿגעשלאָסן און געגעבן פֿינף גראָשן. אויף דער נאַכט האָבן דאָ יידן געלערנט משניות.

* * *

אין דעם שטיבל האָבן געדאַוונט צוויי מנינים. די וואָס האָבן געדאַוונט השכמה, האָט מען גערופן: „פּרעסערס״. דאָס זיינען נישט געווען קיין חסידים, נאָר פּשוט פאַרהאָרעוועטע פרומע יידן. אין די ימים־נוראים האָבן אַלע געדאַוונט צוזאַמען אין איין מנין.

מיין פאָטער, ר׳ טוביה בן אליהו, ז״ל (ער איז אומגעבראַכט געוואָרן אין דער טויט־פאַבריק, טרעבלינקע, אין שמחת תורה תש״ב, 1942 יאָר, דורך די דייטשן און אוקראַאינער) איז געווען אַ חסיד פון וואָנכאָצקער רבין. דער רבי, ר׳ יוסעלע זצ״ל, ער איז געווען אַ גרויסער תלמיד חכם. ער האָט געוואוינט אין ראַדאָם. ער איז אומגעקומען אויף קידוש השם דורך די דייטשן אין יאָר תש״ב. מיין פאָטער פלעגט צו אים פאָרן עטלעכע מאָל אין יאָר זיך שואל עצה זיין און אויף יעדן יום־כיפור, ווען ער פלעגט מיך מיטנעמען. מיין פאָטער האָט געדאַוונט מיטן צווייטן מנין.

זומער, יעדן שבת אין דער פרי, נאָך מעביר זיין די סדרה, שנים מקרא ואחד תרגום, איז ער געגאַנגען צו מיין זיידן, ר׳ נתן קאָגען, מיין מאַמעס פאָטער, טרינקען טיי פון „שבת־אויוון״. מיין זיידע האָט געוואוינט אין אַ הויז פון מענדל פעלדמאַן, אין מיטן שטעטל. ביי מיין זיידן האָט מען אויף יעדן שבת געמאַכט אַ „שבת־אויוון״: מען האָט אויף די „פּייערקעס״ (רינגען פון דער פּליטע) אַרויפגעשטעלט אַ קופּערנעם קעסל, פול מיט וואַסער, דאָס אַרומגעשיט מיט ווייס זאַמד, כדי עס זאָל האַלטן היץ. די קיך־פּליטע איז געוואָרן אָנגעפּילט מיט שטיין קוילן, אָדער מיט „כאַש״ (קוילן־שטויב). דאָס אונטערשטע טירל פון דער עפענונג, וואו עס איז אַריינגעפאַלן דאָס אַש, האָט מען

געהאַלטן קוים אַביסעלע אָפן, עס זאָל אַריינגיין אַ בי־סעלע לופט, כדי דאָס פייער זאָל זיך נישט קאָנען צע־פלאַמען און אויספלאַמען. האָט דער כאַש נישט גע־פלאַמט, נאָר געטליעט; כדי דער כאַש זאָל זיך נישט דורכשיטן דורך דער רושט אין אַש אַריין, האָט מען דעם כאַש נאָס געמאַכט, איז געוואָרן אַ מאַסע. ווען דאָס פייער האָט עס אויסגעטריקנט איז עס געוואָרן איין שטיק, דאָס האָט שטאַרק געהיצט. דאָס נישט פלאַמענדיקע פייער האָט געטליעט ביז איבער שבת, טיילמאָל ביז זונטיק.

נישט יעדער האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו האָבן אַן אייגענעם שבת־אויוון, האָבן אַ סך שכנים און אַ טייל פון דער פאַרצווייגטער משפחה געטרונקען טיי פון מיין זיידנס שבת־אויוון. מיין זיידע ר׳ נתן קאָגען איז זיין גאַנץ לעבן געווען דער נשיא פון דער יידישער קהילה און אַלע הוצאות האָט ער אויסגעטראָגן. ער האָט געהאַט אַ סעקרעטאַרין, אסתר וואָלפאָוויטש, וואָס האָט געאַרבעט פאַר דער קהילה, צוועלף יאָר אומבאַ־צאָלט. ווען עס האָט זיך געמאַכט אַ קריזיס אין לאַנד און איר משפחה האָט נישט געהאַט פון וואָס צו לעבן, האָט זי דעם זיידן איינגעקלאָגט אין געריכט און מען האָט איר צוגעמשפט: דער נשיא זאָל איר באַצאָלן שכירות פאַר צוועלף יאָר. ר׳ נתן קאָגען האָט איר באַ־צאָלט זיין אייגן געלט און זיי זיינען געבליבן גוטע פריינט ווי פריער. אַזוי ווי ער איז געווען אַ ליבער מענטש און אַ צוגעלאָזענער ראש הקהל, האָט יעדער צו אים געהאַט אַ דריסת רגל. אַז מען האָט אויסגע־טרונקען דאָס קאָכעדיקע וואַסער פון קעסל, האָט מען צוגעגאָסן קאַלט געקאָכט וואַסער, וואָס מען האָט ספּע־ציעל צוגעגרייט, ווייל צוגיסן רוי וואַסער טאָר מען

דאָך נישט, עס וועט אויפקאָכן און דאָס הייסט שוין געטאָן אַן אַרבעט.

* * *

וועגן איינעם וואָס איז געקומען טרינקען טיי צו מיין זיידן, לווינט זיך אַביסל ברייטער צו דערציילן: געהייסן האָט ער שמואל יונה, איז געווען אַ לא יוצלח. אין זיין גאַנץ לעבן האָט ער נישט געהאַט קיין פּרנסה. אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט קיין עולם הזה האָט ער זיך געוואָלט פאַרזיכערן מיט עולם הבא.

שמואל יונה איז געווען פון העכערן וואוקס. ער האָט געהאַט אַ שאַטין קורץ בערדל. געטראָגן אַ שוואַרץ רונדיק היטעלע, מיט אַ קליין דאַשיקל פון זעלבן טוך. (דאָס איז געווען אַ פּויליש־יידיש היטל, וואָס יידן האָבן גערופן „גלות־היטל"), אַ לאַנגע, געהאַקטע יוביצע, אַ ווייס העמד, מיט אַ וויכן קאָלנער און אַ שוואַרצע בינדע און שטיוול מיט ווייכע כאָליעוועס. ער איז שטענדיק געווען ריין און ציכטיק. ער האָט געהאַט צען קינדער. דריי זיינען געשטאָרבן — זיינען אים געבליבן דריי יינגלעך און פיר מיידלעך. זיין שווער האָט זיי אויסגעהאַלטן: געצאָלט דירה־געלט, פאַר עסן, קליידן און אפילו שכר לימוד פאַר די קינדער.

שמואל יונה איז געווען עפּעס צווישן אַ מתנגד און אַ חסיד. צו אַ רבין איז ער נישט געפאָרן. יעדן טאָג האָט ער געלערנט אַ בלאַט גמרא און האָט שטאַרק געהאַלטן פון תניא. קיין מעבל האָט ער נישט פאַר־מאָגט, אָבער אַ ספרים שאַנק מיט גאַנץ ש"ס, משניות, חומשים, חוקלעך און אַנדערע ספרים האָט ער געהאַט און אַלע ספרים זיינען געווען געבונדן אין שיינער, ברוינער לעדער און זיין נאָמען איז געווען אויסגע־קריצט אין גאָלד.

זיינע טרוימען האָט ער גאַנץ אָפן דערציילט: „גאָט וועט מיר העלפן, איך וועל וואוינען אין וואַרשע, כ׳וועל זיין אַ גרויסער סוחר, אָדער אַ גרויסער פאַבריקאַנט — אַ שמייכעלע פון נחת איז אויף זיין פנים — איך וועל וואוינען אין אַ הויכער קאַמיעניצע אויפן העכסטן שטאָק, מ׳וועט אַרויפפאָרן אין אַ ווינדע (עלעווייטאָר). אויף דער טיר וועט זיין אַ פּלעטעלע מיט מיין נאָמען און צו דריקן אַ קנעפּל אָנצוקלינגען, און די דינסט וועט עפענען די טיר. איך וועל אויך האָבן אַ טעלעפאָן״.

די, וועמען ער האָט דאָס דערציילט, האָבן געמאַכט אַן ערנסטן אָנשטעל, פּאַטאַקעוועט און צוגעוואונטשן. נאָר אין אמתן האָבן זיי געחוזקט פון זיינע פאַנטאַזיעס.

אַזוי ווי פון ווערן אַ גרויסער סוחר אָדער אַ גרויסער פאַבריקאַנט אין וואַרשע האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם, האָט ער דערווייל כאָטש געוואָלט ווערן אַ פאַבריקאַנט אין שטעטל. איז די מעשה געווען אַזוי: ערגעץ נישט ווייט פון שטעטל, איז געווען צו פאַרקויפן מאַשינען פון אַ פיילן־פאַבריק. קיינער האָט נישט געוואָלט קויפן, אָבער שמואל יונה האָט געזען אַ געלעגנהייט צו ווערן אַ פאַבריקאַנט. האָט ער זיך ערגעץ געבאָרגט אַ ביסל געלט, איינגעצאָלט אַן אַדעררויף און געקויפט די פאַבריק. די רעשט האָט ער אויסגעצאָלט אין ראַטעס מיט דעם שווערס געלט. דער שווער האָט געוואָלט שמואל יונה זאָל זיך שוין אַמאָל דערשלאָגן צו אַ פּרנסה. דערווייל האָט שמואל יונה דערציילט זיינע פאַנטאַזיעס: „אַצינד בין איך שוין אַ פאַבריקאַנט. איך פאַרמאָג שוין אַ פאַבריק און כ׳וועל מיטן אויבערשטנס הילף זיין אַ גרויסער עושר. אין מיין פאַבריק וועט מען אַרבעטן טעג און נעכט. איך וועל פאַרוואַרפן מיט מיינע פיילן און פיילעכלעך גאַנץ פוילן

און אויסלאַנד אויך. איך וועל מיר אויפבויען אַ קאַ־מיעניצע מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן און דאָרטן מיט מיין ווייב און קינדער פירן אַ גבירישע באַלעבאַטיש־קייט. אָרעמע לייט וועלן ביי מיר האָבן אַן אָפענע טיר. הונגעריקע וועלן אַרויסגיין זאַטע און מיט אַ שיינע נדבה דערצו; איך וועל אויסהאַלטן אָרעמע אלמנות און יתומים און כ׳וועל חתונה מאַכן אָרעמע כלות״.

ווען די פורן מיט די מאַשינען זיינען אָנגעקומען אין שטעטל און די באַלעגאָלעס האָבן געוואָלט אָפּ־לאָדענען, האָט זיך ערשט שמואל יונה געכאַפּט, אַז ער דאַרף האָבן פּלאַץ וואו אויפצושטעלן די פאַבריק. עס האָט זיך צונויפגעקליבן אַן עולם, מען האָט גע־לאַכט און זיך געוויצלט אויף דעם חשבון פון „פאַב־ריקאַנט״ שמואל יונה; ער האָט זיך געשעמט די אויגן אויפצוהייבן, ער האָט זיך געפילט אַ פאַרלוירענער. דאָ איז אונטערגעקומען אַ באַלעבאַטישער פּאָלאַק, וואָס האָט געקענט אַרבעטן אויף די מאַשינען. ער האָט פאַרמאָגט אַ צוויי־שטאָקיקע קאָמיעניצע, שאָפעס, אַ גאָרטן און אַ פעלד. ווען ער האָט געהערט וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, האָט ער געזאָגט צו שמואל יונהן:

„שמולקו, איך קויף ביי דיר די מאַשינען פאַר פיר הונדערט זלאָטעס און כ׳וועל דיך אויסלייזן פון די צורעס [צרות]״.

שמואל יונה האָט געטראַכט: די פאַבריק קאָסט מיך צוויי טויזנט זלאָטעס, אָבער נישט מיין געלט, נאָר דעם שווערס; פיר הונדערט זלאָטעס איז ביי מיר אַ גרויסע מטבע. די מאַשינען קען איך דאָך נישט לאָזן אויף הפקר אונטערן הימל. עס פעלן גנבים? און טאָמער רעגנט, וועלן זיי פאַרזשאַווערט ווערן. איז

דאָך דער גוי ממש אַצינד מיין גואל — נישט אַנדערש ווי אַראָפּגעשיקט פון הימל. אָבער אפשר וועט ער עפּעס דערלייגן. האָט ער אים געענטפערט:

„פּאַניע ווייסט אַליין, אַז די פֿאַבריק קאָסט מיך אַ סך, אַ סך מער. דערלייגט צוויי הונדערט זלאָטעס. איר וועט כאַפּן אַ מציאה ווי פון אַ גנב".

האָט אים דער פּאָלאַק געענטפערט: „מער ווי פיר הונדערט האָט עס ביי מיר נישט די ווערט. ווילסט איז גוט. אויב נישט — דאָווידזעניאַ". און האָט גע־נומען אַוועקגיין.

שמואל יונה האָט אים צוריקגערופן און געמאַכט דאָס געשעפט. די באַלעגאָלעס האָבן אויסגעלאָדן די מאַ־שינען אין פּאָלאַקס שאָפּעס. און דער פּאָלאַק איז גע־וואָרן דער פֿאַבריקאַנט; שמואל יונה האָט פון דעם געלט אָפּגעצאָלט אַ ביסל חובות, די רעשט אויפגע־געסן און געבליבן דער זעלבער אָרעמאַן.

איין מאָל איז שמואל יונה אַהיים געקומען מלא שמחה, ער האָט אַזש אונטערגעטאַנצט פון פרייד: „שווער לעבן, — האָט ער געזאָגט, — אַצינד וועל איך ווערן אַ גביר, אַן אַדיר. פאַר יעדן קומט זיין צייט. נו, האָט זיך דער רבונו של עולם אין מיר דערמאָנט: ער האָט מיר צוגעשיקט אַן אוצר, ממש אַ גאָלד־גרוב. איך האָב אָפּגעקויפט אַ גראָבן מיט שטאָל, הינטער בליזשין. איך וועל דאָס אויסגראָבן און פאַרקויפן אויפן קילאָ אין די סטאַלאָווניעס אַריין. שווער לעבן, איך וועל נתעשר ווערן. איך האָב דאָס אָפּגעקויפט פאַר אַ שיבוש און כ'וועל איינלייזן צענדליקער טויזנטער זלאָטעס".

דער שווער האָט אים רואיק אויסגעהערט, גלעטנ־

דיק בשעת מעשה זיין שיינע, ברייטע, לאַנגע באָרד און מיט אַ שמייכעלע אים גענטפערט: „איך וויל טאַקע זען דיינע נייע גליקן, מיין טייערער שמואל יונה״.

שמואל יונה האָט געדונגען פויערים, זיי האָבן צוויי וואָכן צייט געגראָבן און געהאַקט מיט קילאָפּן, שפּאַדלעס, האַמערס און שטאָלענע דרענגער און דאָס שטיק שטאָל נישט געקענט אונטערגראָבן, אַזוי טיף און ברייט איז עס געווען איינגעוואַקסן אין דער ערד. זיי האָבן אפילו נישט געקענט אָפּהאַקן קיין פּיצל. מען האָט אים געראָטן צו ברענגען אַן אינזשעניער. שמואל יונה האָט אַזוי געטאָן. דער אינזשינער האָט אָפּגעאַר־בעט עטלעכע טעג מיט די פויערים און האָט גאָרנישט געקענט אויפטאָן. שמואל יונה האָט באַגראָבן עטלעכע הונדערט זלאָטעס און איז געוואָרן נאָך אַ גרעסערער אָרעמאַן, און נאָך אַ גרעסער בעל־חוב.

מען האָט געזאָגט, אַז דאָס שטיק שטאָל איז אַראָפּ־געפאַלן פון הימל נאָך אין ששת ימי בראשית.

* * *

שמואל יונה האָט געזען אַז ער האָט נישט קיין מזל צו עולם הזה, האָט ער געוואָלט זיך פאַרזאָרגן מיט עולם הבא. האָט ער באַשלאָסן ווערן אַ מוהל, ווייל מיט יידישן קינדער וועט ער זיכער פאַרדינען עולם הבא. די וועלט איז אַן עולם השקר, אַ קאָרידאָר צום עולם האמת, וואו מען לעבט אייביק צוזאַמען מיט משה רבנו, אהרן הכהן, די אבות און די צדיקים פון אַלע דורות. האָט ער זיך גענומען לערנען ווערן מוהל. און מיט פרנסה, משטיינסגעזאָגט, האָט שוין דער שווער ווײ־טער געמוזט פאַרזאָרגן.

ווען שמואל יונה האָט שוין געקענט דורכפירן

מצוות מילה, און דער אַלטער מוהל איז געשטאָרבן, איז ער געווען דער איין און איינציקער מוהל אין שטעטל, אָבער די קימפעטאָרינס האָבן מורא געהאַט אים צו געבן די קינדער מל צו זיין. זיין האָבן גע־ברענגט אַ מוהל פון אַ שכנותדיקן שטעטל, פון פשיסכע אָדער שידלאָווצע. נאָר די אָרעמע לייט, וואָס האָבן זיך נישט געקענט דערלויבן צו באַצאָלן פאַר דעם מוהלס הוצאות (פאַר מל זיין האָט דער מוהל נישט פאַרלאַנגט מען זאָל אים באַצאָלן, ווייל ווער פאַרלאַנגט דאָס מען זאָל אים באַצאָלן פאַר אַ מצווה — דעמאָלט ווערט דאָך די מצווה אויס מצווה). עס איז אַוועק עט־לעכע יאָר און קיין איין קינד איז נישט געשטרויכלט געוואָרן דורך זיינע הענט, האָט מען געזאָגט: „שמואל יונה האָט אַ לייכטע האַנט”. און ער איז געוואָרן דער אָפיציעלער מוהל אין שטעטל און פון אומגעגנט. אָבער פאַר זיין אַרבעט איז אים קיין מאָל נישט געקומען אויפן זינען, אַז ער דאַרף קריגן באַצאָלט און עס איז קיין מאָל קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז מען דאַרף אים באַצאָלן. האָט ער נאָר געאַרבעט פאַר עולם הבא און געפּוכניעט פון הונגער מיט דעם ווייב און קינדער.

שמואל יונה איז אויף אַזוי ווייט געווען אָפּגע־היטן אין כשרות, אַז כאָטש ער האָט געהונגערט, האָט ער אויף קיין שום ברית נישט טועם געווען מער ווי לעקעך און בראָנפן. אָבער כדי נישט צו פאַרשעמען די משפחה מיט דעם נישט עסן אויף איר שמחה, האָט ער אָפּגערעדט מיט זיינס אַ קינד: עס זאָל קומען די און די צייט אים אַהיים רופן מיט דעם אויסרייד, אַז „עס וואַרט אויף אים אַ וויכטיקער סוחר”.

דאָרט וואו ר' שמואל יונה האָט זיך יאָ געקענט פאַרלאָזן אויף כשרות, האָט ער אַהיים גענומען „רע־

שינקע״ פאַר די קינדער. רעשינקע האָט מען געטיילט אויף אַ ברית־מילה. דאָס איז געווען אַ געבעקס וואָס אויף אים האָט מען נישט געמאַכט קיין המוציא, נאָר אַ בורא מיני מזונות. דאָס הייסט, ס׳איז נישט געווען קיין פשוט ברויט, נאָר אַ צוקער געבעקס. רעשינקע איז געווען אַ נישט געוואָרן טייג: אַ נידעריקער, קיילעכדיקער קוכן, געבאַקן פון ווייצן־מעל אויף אייער און צוקער, מיט ראָזשינקעס און זיסע מאַנדלען. אין דער מיט איז געווען אויסגעפלאָכטן פון זעלבן טייג אַ מגן־דוד, אין מגן־ אַ „מזל טוב״. נאָך דער סעודה האָט דער מוהל גענומען די רעשינקע, מיט אַ מעסער אויס־געשניטן דעם קיילעכדיקן טייל פון מזל־טוב, וואָס איז געווען אין מגן־דוד. מען האָט דאָס אַריינגעגעבן די קימפעטאָרין, זי האָט געגעסן אַ כזית און צעטיילט פיצלעך די ווייבער, וואָס האָבן איבער דעם זיך גע־ריסן, ווייל דאָס איז אַ „סגולה צו מאַכן אַ ברית״.

נאָכן אויסשניידן דעם מיטן איז געבליבן אַ גרוי־סער בייגל, האָבן יידן זיך געגעבן אַ וואָרף אַרויף מיט די הענט, צעריסן, צעפיצלט די רעשינקע, געכאַפּט אין מויל אַריין, ווייל ס׳איז דאָך אַ סגולה צו מאַכן אַ ברית; אָבער ר׳ שמואל יונה, דער מוהל, פלעגט אַזוי שנעל „איינאַרבעטן״, אַז ער פלעגט באַוויזן אַרונטערצוכאַפּן די רעשינקע אונטערן בוזעם. מיט די פינגער האָט ער אַרויסגעצופּט צו פיצלעך און יעדן איינעם איינגע־טיילט אַ כזית. דער מוהל האָט פאַר זיך איבערגעלאָזט אַ שפּאָרע פאָרציע און אַהיים גענומען פאַר זיינע קינ־דער. קינדער האָבן זייער ליב געהאַט רעשינקע.

מיין אַלף־בית מלמד איז געגאַנגען אויף יעדער חתונה און אויף יעדן ברית. ער האָט דאָרטן געמאַכט מי־שברכס און פון דעם איז אים צוגעפאַלן צו דער

פרנסה. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער פון זײַן רויטער פּאַטשיילע יעדן קינד איינגעטיילט אַ כזית רעשינקע. מיר קינדער האָבן דאָס איינגעשלונגען מיט גרויס הנאה, און כסדר געבענקט נאָך רעשינקע.

* * *

געווען איז אין שטעטל אַן אָרעמער שניידער, אַן אפּיקורס, וואָס האָט געהאַט אַ ווייב מיט צוויי קינדער. ווען ער האָט נישט געהאַט אויף אַ שטיקל ברויט, איז ער געקומען צום מוהל און אים געזאָגט: „ר׳ שמואל יונה, יעדער ייִד האָט דאָך אַ חלק עולם הבא. איך האָב אין מײַן לעבן געטאָן אַ סך גוטע מעשים. איך וויל אײַך פאַרקויפן מײַן עולם הבא פאַר צען זלאָטעס״.

ר׳ שמואל יונה האָט אויפגעציטערט: „וואָס?! — האָט ער אויסגעשריגן נישט מיט זײַן קול — משוגע מיינע שונאים! וואָס אַ ייִד רעדט! עולם הזה האָט איר דאָך נישט. חוץ הונגער, צרות און יסורים האָט איר דאָך גאָר נישט אויף דער וועלט, ווילט איר אויך נישט האָבן יענע וועלט? זיצן אין גן־עדן צוזאַמען מיט משה רבנו, מיט אברהם אבינו, מיט דוד המלך און שלמה המלך, דער גרעסטער חכם, און רבי עקיבא און אַלע צדיקים. עסן און טרינקען כיד המלך און לערנען די הייליקע תורה מיט משה רבנו אַליין...״

„איך גלויב נישט אין די אַלע זאַכן — איז אים דער שניידער אַרײַנגעפאַלן אין די רייד — איך וויל האָבן דעם גן־עדן אויף דער וועלט. פאַר צען זלאָטעס וועל איך האָבן ס׳גן־עדן עטלעכע טעג אין מײַן שטוב״.

„איר וועט חרטה האָבן״.

„אַ, נישט איך. ס׳איז נישטאָ קיין יענע וועלט. דאָ אויף דער וועלט איז דאָ ס׳גיהנום און ס׳גן־עדן.

איך גלויב שוין מער נישט אין די נאַרישע בזדורעס״.

זיי האָבן זיך נאָך געאַמפּערט אַ שפּאָרע ווײַלע. צום סוף האָט ר׳ שמואל יונה אויסגעשריבן אַ שטר מכירה. ער האָט אַרײַנגערופן צוויי עדות. אַלע פיר האָבן זיך אונטערגעשריבן און ער האָט אים באַצאָלט די צען זלאָטעס.

עטלעכע וואָכן שפּעטער, ווען דער שניידער האָט נישט געהאַט אויף אַ שטיקל ברויט, איז ער ווידער געקומען און געזאָגט:

„ר׳ שמואל יונה, איך בין געקומען איך פאַרקויפן מײַנע מצוות: געדאַוונט און געלייגט תפילין האָב איך שיינע יאָרן. כ׳האָב אויך געגעבן צדקה. כ׳האָב נאָך געטאָן אַ סך אַנדערע מצוות אין מײַן לעבן. איך פאַרקויף זיי אייך ביליק — נאָר צען זלאָטעס״.

ר׳ שמואל יונה האָט דאָך שוין געוואוסט אַז ער איז אַן אַפּיקורס. האָט ער געמאַכט אַ שטר מכירה, אַרײַנגערופן צוויי עדות. אַלע פיר האָבן זיך אונטער־געשריבן און ער האָט אים באַצאָלט די צען זלאָטעס.

ווען דער שניידער האָט שוין געהאַט דאָס געלט אין די הענט האָט ער געזאָגט: „איר זעט, ר׳ שמואל יונה, פאַר מײַנע עבירות וועל איך אַצינד האָבן דעם גן־עדן עטלעכע טעג אין מײַן שטוב אַזוי ווי כ׳האָב געהאַט פאַר מײַנע מצוות״, און ער האָט זיך צעלאַכט.

אין עטלעכע וואָכן שפּעטער איז דער שניידער ווידער געקומען אַן אויפגעהייטערטער און ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ טאָן, ווי ער וואָלט אים געברענגט דאָס אמתע גליק: „ר׳ שמואל יונה, איך וועל אייך גליקלעך מאַכן. ביז היינט זענט איר געווען מײַן קונה, אָבער אַצינד וועל איך ווערן אייער קונה...״

ר׳ שמואל יונה האָט זיך דערשראָקן: „וואָס, איר

האָט חרטה ?" „חלילה ! איך וויל ביי איך אָפּקויפן אַלע אייערע עבירות אַזוי, אַז איר זאָלט קומען אויף יענער וועלט מיט בלויז מצוות, נאָר איר דאַרפט מיר צוצאָלן צען זלאָטעס".

ר' שמואל יונה האָט דאָך שוין געוואוסט מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן, האָט ער געמאַכט אַ שטר־מכירה, אַריינגערופן צוויי עדות, אַלע פיר האָבן זיך אונטערגעשריבן און ער האָט אים געגעבן די צען זלאָטעס. ווען דער שניידער האָט שוין געהאַט דאָס געלט אין דער האַנט האָט ער געזאָגט : „איר זעט, ר' שמואל יונה, אַצינד וועל איך פאַר אייערע עברות האָבן עטלעכע טעג דעם גן־עדן אויף דער וועלט", און האָט זיך צעלאַכט.

* * *

טרינקען שבת טיי פון שבת־אויוון האָט שמואל יונה אויך געהאַלטן פאַר אַ מצווה און אַ צושטייער פאַר עולם הבא. און ביי ר' נתן קאָגען האָט ער זיך געפילט אין דער היים, דערפאַר איז ער דאָ געקומען יעדן שבת אין דער פרי, און נאָך דעם שלאָפן נאָכן טשאָלענט טרינקען אַ גלאָז טיי מיט ציטרין. און שמואל יונה האָט געטרונקען איין גלאָז נאָך דעם צווייטן און דערביי דערציילט זיינע גליקן, וואָס זיינען געווען הוילע פאַנטאַזיעס. ער האָט געשוויצט, רויט געוואָרן און גערעדט.

געטרונקען דאָ טיי האָבן יידן, וואָס האָבן געדאַוונט מיטן צווייטן מנין. ביי מיין זיידן איז מען ממש געשטאַנען אין דער ריי נאָך טיי פון שבת אויוון. מיין פאָטער פלעגט זיצן שבת אין דער פרי, מיט זיינע שוואָגערס (מיין זיידע האָט געהאַט געקליבענע איי־

דעמס) נאָענט צום שבת אויוון, ביים קיך־טיש. זיי האָבן געטרונגען אין גלאָז טיי נאָך דעם צווייטן, האָבן גערעדט דברי־תורה, אויסגעזונגען די ניגונים פון זייערע רביים. שכנים פלעגן שטיין אונטער די פענצטער, זיך איינהערן מיט הנאה און קנאה. ווען די אײדעמס האָבן געזען, אַז „פרעסטערס״ גייען שוין אַהיים פון ערשטן מנין, זיינען זיי געגאַנגען אין שטיבל אַריין צום צווייטן מנין.

* * *

דער צווייטער מנין האָט זיך פאַרזאַמלט און מען וואַרט מיטן דאַוונען אויף ר׳ מענדל פעלדמאַן. דער־ווייל דאַוונט יעדער פאַר זיך פון פאַרנט. מען וואַרט אויף ר׳ מענדלען. ענדלעך קומט ר׳ מענדל אַריין, אָנגעטאָן אין גרויסן שבתדיקן וואָלענעם טלית מיט אַ גאָלדענער עטרה, אויף דער שוואַרצער אַטלאַסענער געהאַקטער שבתדיקער קאַפּאָטע, מיט דעם ברייטן זיי־דענעם גאַרטל. די מתפללים מאַכן אים אַ וועג מיט גרויס דרך־ארץ. הינטער אים קומען: זיין אײדעם, ר׳ מרדכילע, דעם אַמשינאָווער רבינס זון, אויך אין אַ שטריימל, אין אַ שוואַרצער, זײדענער, געהאַקטע ייביצע איינגעהילט אין שבתדיקן וואָלענעם טלית, מיט אַ זילבערנער עטרה, אין האַלבע שטיבלעטן און אין ווייסע זאָקן. הינטער ר׳ מרדכילען קומען ר׳ מענ־דעלעס צוויי דערוואַקסענע זין און ביידע ייִנגלעך, מיט וועמען איך לערן צוזאַמען אַלע יאָרן אין חדר, און ר׳ מרדכילעס ייִנגל, משהלע.

ר׳ מענדל און ר׳ מרדכילע טוען אויס די שטריימ־לעך, בלייבן אין די גרויסע שוואַרצע סאַמעטענע קאַפּ־לעך, ציען אַריבער די טליתים איבער די קעפּ. די עטרות גיבן זיי צו פרומען חן,

ר׳ מרדכילע שטעלט זיך ביים אָרון קודש לינקס, ווייל די רעכטע זייט האָט פאַרכאַפּט ר׳ חיים מאיר — אַ ברייטער ייד, מיט אַ ווייסער ברייטער באָרד, וואָס האָט פאַר קיינעם נישט קיין דרך ארץ און אַלע האָבן פאַר אים מורא. ער דוצט יעדן איינעם, פון קלענסטן ביזן גרעסטן, אויסער ר׳ מענדלען. ער קוקט זעלטן אַריין אין אַ ספר, ער לעבט פון פּראָצענט. דאָס געשעפט פירט כלומרשט זיין ווייב. ר׳ חיים מאיר טראָגט נאָך פון דער חתונה אָן, סיי שבת, סיי יום־טוב און סיי אין דער וואָכן, זיין ברייטן, ברוינעם, פּלושענעם שלאָפראָק. דאָ אין שטיבל ציטערן אַלע פאַר אים אמת מות. ענדלעך הייבט אָן דער בעל תפילה — „נשמת כל חי״, און מ׳דאַוונט. ר׳ חיים מאיר ציט אַריבער זיין פאַרשווייסטן בכבודיקן טלית איבערן פּנים און דאַוונט בלחש. ר׳ מענדל איילט זיך נישט, ער זאָגט יעדעס וואָרט פּאַמעלעך, ברייטלעך, מיט האַרץ אַזוי ווי מען לייגט פאַר ווערן אַ בקשה; ר׳ מענדל האָט אַ סך, אַ סך צו בעטן ביים רבונו של עולם, דער בעל־תפילה מוז שטענדיק וואַרטן ביז ר׳ מענדל ענדיקט אַ תפילה.

אין מיטן דאַווענען קומט אַריין זלמן באָרד, אַזוי האָט מען אים גערופן, ווייל מען האָט אים ערשט איינגעמאָלדן, ווען ער האָט געמוזט שטיין צום מיליטער און ער האָט שוין געהאַט אַ לאַנגע, ברייטע, באָרד. ער האָט געהאַט אַ ווייב מיט פיר קינדער, איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן. זלמן באָרד שטייט הינטער ר׳ מענדלען. ווען יענער פאַרענדיקט אַ תפילה, זאָגט ער הכנעהדיק, האַלטנדיק זיין חתן מתנה — אַ זילבערנעם טאַשן־זייגער: „פעטער, פעטער״. ר׳ מענדל דרייט זיך אויס. זלמן באָרד זעצט פאַר: „מיין קינד איז

קראַנק, האָט דער פעלדשער פאַרשריבן אַ רעצעפּט, וויל איך איינלייגן דעם זייגערביים פעטער פאַר אַ משכן...״ ר׳ מענדל האָט אים נישט געלאָזט פאַרענדיקן און האָט גערופן: ״יאַנקעלע! יאַנקעלע!״ כהרף עין איז ער צוגעקומען, יאַנקעלע וואָלפאָוויטש. ער איז געווען אין ר׳ מענדלס משפחה. אין שטיבל איז ער געווען ר׳ מענדלס שליח. ״יאַנקעלע״, האָט ר׳ מענדל געזאָגט, ״גיי מיט זלמנען צו ביעלניצקי אין אַפּטייק אַריין און זאָג אים, אַז איך האָב געהייסן געבן די רפואה. און דו, זלמן, באַהאַלט דיר דעם זייגער״. יאַנקעלע מיט זלמן באָרד האָבן פאַרלאָזט דאָס שטיבל און מ׳האָט ממשיך געווען דאָס דאַווענען.

ביים פעטער מענדל האָט זיך עטלעכע יאָר ״גע־קריוועט״ (אויסבאַהאַלטן) אַ גאַנץ פרעמדער חסידי־שער בחור פון אָטוואָצק. יאָסל האָט ער געהייסן. ער האָט נישט געוואָלט דינען צווישן אַנטיסעמיטן. דאָס גאַנצע שטעטל יידן האָט פון דעם געוואוסט, אָבער קיי־נער האָט אים נישט געמסרט. דער יאָסל האָט אויך אויסגעפירט דעם פעטער מענדלס שליחות צו העלפן יידן.

* * *

יעדן שבת, ביי שלוש סעודות, האָט ר׳ מענדל ביי זיך אין עסצימער געפירט אַ רבנישן טיש. מען האָט אָפּגעדאַוונט מנחה אין שטיבל און אַן ערך פופציק חסידים זיינען אַריינגעגאַנגען מיט ר׳ מענדלען אין זיין עסצימער. דאָס איז געווען אַ זאַל, גרויס ווי אַ וואַלד. אויסער די טיר פון פאַראַדנעם איינגאַנג, זיינען דאָ געווען פינף טירן צו אַנדערע שטיבער און אויך אַ טיר מיט צוויי פענצטער צום גרויסן פאַרענטש (טעראַ־

סע), וואָס האָט געדינט פאַר אַן עסצימער אין זומער, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט דער אַליי פון שמעקנ־דיקעביימער און לויפנדיקע געוויקסן האָבן מיט גרינס איינגעהילט דעם פּאַרענטש.

אין זאַל איז געווען אַ גרויסער קרעדענץ, מיט יידישע אַנטיקן, אַ לאַנגער דעמבענער אויסרוק־טיש, מיט ווינער שטולן, אויבן אַן אַ ברייטע געבעטע פּאָ־טער־שטול, וואו קיינער האָט זיך קיין מאָל נישט גע־וואַגט אַנידערצוזעצן — דאָס איז געווען פאַר דעם ראש פון הויז — פאַר ר׳ מענדלען; אַ לעדערנע קאַנאַפּע. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ שטיי־זייגער — ער איז געווען הויך פון דער פּאָדלאָגע ביז איבער די פענצטער, מיט אַ מעשענעם אומרו. יעדע ערשטע פערטל שעה האָט ער געגעבן — איין קלונג, יעדע האַלבע שעה — צוויי קלונג, יעדע דריי פערטל שעה — דריי קלונג און יעדע שעה — פיר קלונג. דערנאָך האָט ער, מיט אַ באַזונדערן קלאַנג, אויסגעקלונגען אַזויפיל וויפיל די ווייזערס האָבן געוויזן. ביי איין וואַנט איז געשטאַנען אַ הויכער שפּיגל מיט פליגל, וואָס האָבן זיך געעפנט און מען האָט זיך געקאָנט אָפּ־שפּיגלען פון אַלע פיר זייטן.

ביי איין וואַנט זיינען געשטאַנען שענק מיט גלע־זערנע טירן, מיט ש״ס און הונדערטער ספרים. באַ־זונדער איז געשטאַנען אַ ספרים־שאַנק מיט יידישע און העברייאישע ביכער. אין אַ ווינקל לעבן אַ טיר איז געווען אַ זלעוו און אַ קראַן מיט וואַסער, וואו די יידן האָבן זיך געוואַשן צום עסן און יאַנקעלע און יאָסל האָבן דערווייל „געמאַכט״ די הערינג: אָפּגע־וואַשן, אַראָפּגעצויגן די־הויט און צעשניטן אויף „פּיק־לעך״.

ווען ר׳ מענדל ענדיקט מיט כוונה די ברכה על נטילת ידים, מאַכט ער אַ המוציא איבער אַ גרויסער חלה. אַלע ענטפערן: „אָמן!״. ער שניידט אָן אַ המוציא, מיטן שבת־קודש מעסער, ברעכט אָפּ אַ כזית, טונקט איין אין זאַלץ, עסט און צעשניידט די חלה אויף הערינג און מ׳זינגט אויס די שבתדיקע זמירות. יעדער זינגער האָט אַ חזקה אויף אַ זמר און זינגט אים שטענדיק מיטן זעלבן ניגון, און אַלע זינגען מיט. ר׳ מענדל רופט אויס ווער און וואָס עס זאָל זינגען. דאָס הייסט ער איז מכבד. עס איז געווען אַ בין־השמשותדיקע טונקלקייט, עס איז געוואָרן פינצטערער און פינצטערער, דעמאָלט זינגט זיך מיט גרויס הנאה.

איך בין געלעגן אונטערן טיש, לעבן מיין פאָטערס פיס און מיטגעזונגען יעדן זמר. מיין יונגע, קלינגענדיקע שטימע האָט איבערגעהילכט די עלטערע, און טייל הייזעריקע, שטימעס פון די יידן.

ווען מען האָט שוין געהאַט אויסגעזונגען אַלע זמירות האָט ר׳ מענדל אַרויסגעשיקט יאָסלען אויפן הויף: „יאָסל, גיי זע צי ס׳זיינען שוין דאָ דריי שטערן״. יאָסל איז אַרויס און באַלד צוריקגעקומען: „יאָ! כ׳האָב אָפּגעציילט דריי שטערן״.. האָט ר׳ מענדל געזאָגט: „יאָסל, זינג שיר המעלות, נאָר מיט אַ פרייילעכן ניגון״. יאָסל שפּאַרט אונטער די לינקע באַק מיט דער לינקער דלאָניע און זינגט מיט ח. נ. ביאַליקס ניגון, אַלע האַלטן אים אונטער און בשעת מעשה גייט דער זילבערנער מים אחרונימניק פון הענט צו הענט און מ׳נעצט איין די שפּיץ פינגער מיט ריטם, לויטן טאַקט פון ניגון.

ווען מ׳ענדיקט דעם זמר, זיינען שוין אַלע געוואַשן

צום בענטשן און ר׳ מענדל האָט שוין איינגעגאָסן דעם גרויסן זילבערנעם בעכער מיט ווײַן. ר׳ מרדכילע, וואָס זיצט בײַ זײַן רעכטער האַנט, איז אים משמש — ער דערלאַנגט אים דעם בעכער. ר׳ מענדל נעמט אים אין דער רעכטער האַנט מיט דרײַ פינגער אונטערן באָדעם און מיטן ווײַז און דאַמען פינגער האַלט ער אים אָן, ער הייבט אים אויף און מיט פאַרמאַכטע אויגן זינגט ער אויס מיט אַ זיס האַרציק קול: „רבותי, מיר וועלן בענטשן!״

און אַלע ענטפערן: „יהי שם מבורך מעתה ועד עולם!״ און ווי כוואַליעס זינגען אַלע אויס דאָס בענטשן. ווען מ׳ענדיקט דאָס בענטשן צינדט אָן דער שבת־גוי די עלעקטרע (ר׳ מענדל האָט דעמאָלט גע־האַט אייגענע עלעקטרע פון אַ קליינעם דינאַמאָ, וואָס איז געטריבן געוואָרן פון איינגעזאַמלטע פאַרע אין זײַן פאַבריק). עס ווערט ליכטיק און אַלע מיט אַ מאָל שרייען אויס: „גוט וואָך!״ איין ייִד, וואָס האָט שוין אויף דעם חזקה, הייבט אָן דעם וואָכעדיקן מעריב מיטן וואָכעדיקן ניגון. עס ווערט טרויעריק אויפן האַרצן — שוין אַוועק דער שבת. דער מעריב ווערט שנעל אָפּגעכאַפּט. בײַ דער טיר אין אין צימער שטייען די מומע באַשעלע — ר׳ מענדעלעס ווײַב, אַלע טעכ־טער, געסט — מומעס, ווײַבער, מיידלעך און די דינסט־מיידלעך, צו הערן די הבדלה.

ר׳ מענדל שאַרט אַוועק דאָס טישטעך פון איין עק טיש, גיסט אָן אַ קליין זילבערן בעכערל מיט זעקס־און־ניינציקער שפּירט. משהלע, ר׳ מרדכילעס, דאָס אייניקל, האַלט אַן אָנגעצונדענע געפלאָכטענע הבדלה מיט זיבן פּאַרבן. ער קריכט אַרויף אויף אַ

שטול, ציט אויס הויך דאָס ליכט — אַ סגולה צו קריגן אַ הויכע כלה. דער פעטער מענדל קוקט אויף זיין שיין באַחנט פנימל, זיינע גרויסע, שוואַרצע, לויכטנ־דיקע אויגן און לאַנגע געדרייטע פאות, און שמייכלט פון נחת. ער מאַכט די הבדלה מיט זיין אייגנאַרטיקן האַרציקן ניגון. ווען עס קומט צו דער ברכה בורא מיני בשמים, שטעלט ער אַוועק דאָס בעכערל, נעמט דאָס אַלטע אַנטיקנע זילבערן בשמים ביקסל, שאָקלט אויף די בשמים וואָס אינעווייניק, עפנט אויף דאָס טירעלע, מאַכט די ברכה, שטעקט אַריין די נאָז און שמעקט. ר׳ מרדכילע און עטלעכע יחסנים טוען אויך דאָס זעלבע. ר׳ מענדל מאַכט צו די הענט, שפּיגלט די נעגל אין ליכט און מאַכט די ברכה בורא מאורי האש. אַלע טוען דאָס זעלבע. דערנאָך נעמט ער צוריק דאָס בעכערל, זעצט פאַר און ענדיקט מיט אַ העכערן טאָן: „המבדיל בין קודש לחול״. ער טרינקט אַביסעלע און גיסט אַריין דעם שפּירט אין אַ טעלערל. נעמט פון משהלען דאָס הבדלה־ליכט, צינדט אָן דעם שפּירט, לעשט אויס דאָס ליכט אָן טיש, זינגט המבדיל בין קודש לחול, כאַפּט דאָס פייער פון טעלערל מיט די פינגער, „פּילט״ אָן די הויזן־קעשענעס, דאָס טוען אויך עטלעכע יידן — אַ סגולה צו האָבן פולע קעשע־נעס מיט געלט. ר׳ מענדל לייגט צוזאַמען דעם שבת־דיקן טלית, זינגט: ויתן לך. מ׳ווינטשט זיך: „אַ גוטע וואָך! אַ מזלדיקע וואָך! אַ וואָך פון געזונט און פּרנסה!״

ר׳ מענדל זינגט זיין שבתצונאַכטיקן ניגון, שטיל, האַרציק, און פאַררויכערט אַ ציגאַר. דער עולם צע־גייט זיך אַהיים שלעפּן דעם עול פּרנסה פון דער וואָך, אָבער פול מיט ביטחון, אַז דער וואָס לעבט איי־

ביק וועט זיינע קינדער נישט פֿאַרלאָזן, נאָר זיי שפּייזן
אַזוי ווי ער שפּייזט אַלע זיינע באַשעפֿענישן.

* * *

אויף דער בר־מצווה פֿון ירחמיאל דעם פּעטער מענדלס. די סעודה איז פֿאָרגעקומען אין דעם גרויסן עס־זאַל, וואו ס'איז געווען אָנגעפּאַקט כמעט אַ האַלב שטעטל יידן. דאָס איז געווען אין אַ וואָכנדיקן אָוונט, אין דעם טאָג ווען ירחמיאל האָט אָנגעהויבן לייגן תפילין. באַלד נאָך דער בר־מצווה־דרשה, ווען דער עולם האָט אָנגעהויבן זיך משמח זיין מיט אַ גלעזעלע ווין און ר׳ מענדל האָט נחתדיק געשמייכלט פֿון זיין געראָטן בחורל, האָט זיך פֿון דער גאַס אַריינגעריסן אַ יידענע, די יאָסקעניצע — יאָסקע שוסטערס ווייב, מיט אַ יאָמערלעך געוויין: „ראַ ראַ ראַב מענדל! ווי געוואַלד און געשריגן! יאַ כאָ נישט ווי צו וואוינען! יאַך ליג אינדראָסן אינטערן הימל! יאַך בראָך אַ דירה! יאַך מיט יאָסקע און פֿינף קינדער!" זי האָט דאָס אויסגעשריגן מיט אַ ניגון ווי מען באַוויינט אַ טויטן. דער ביסן איז יעדן געבליבן שטיין אין מויל. אַ שוידער איז יעדן דורך. לאַנגע סעקונדן האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. עס האָט נאָר געקלונגען אין די אויערן אַ ווידערקול פֿון אַ געוויין נאָך אַ טויטן.

די יאָסקעניצע איז געווען אַ נידעריקע, דאַרע יידענע, איינגעבאַבלט אין אַ „דאַרע" (פֿאַטשיילע). זי האָט געהאַט אַ שיין געמויערט הויז פֿון צוויי וואוינונגען, צו צוויי גרויסע שטיבן. אין איין וואוינונג האָט זי געוואוינט מיט איר משפּחה, און אין דער צווייטער דער גלעזער שניידער מיט זיין משפּחה, האָט זי דאָס הויז פֿאַרקויפֿט דעם גלעזן שניידער. עפּעס איז

אין קאָנטראַקט געווען אַ שטיקל פּאַרדרייעניש, זי האָט אים געברויכט צאָלן דירה־געלט און ס׳האָט איר באַנק געטאָן, וואָס זי האָט אים פּאַרקויפט דאָס הויז. אָבער פּאַרקויפט איז פּאַרקויפט. איבערהויפּט ווען ס׳איז אונטערגעשריבן ביים „רייענט״. און זי האָט פּאַרלאַנגט דער געלער שניידער זאָל איר צוריקגעבן דאָס הויז. זיי האָבן זיך כסדר אַרומגעקריגט. זי האָט אים געשלעפּט פון איין געריכט אין צווייטן. צום סוף האָט ער אויף איר אַרויסגעקראָגן אַן עקסמיסיע און זי אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס. דאָס געלט, וואָס זי האָט באַקומען פאַר דעם הויז, האָבן אויפגעפרעסן די געריכטן און די אַדוואָקאַטן. אַזוי איז זי געבליבן אַ בלוטיקער אָרעמאַן.

ווען זי האָט איינגעשטילט איר געוויין, האָט ר׳ מענדל זיך אויפגעשטעלט, געטראַכט אַ לאַנגע ווילע און איר געזאָגט: „זאָרגט נישט. איך גיב אייך אַ דירה אויפן פּאָסעדיי. דאָרטן וואו עס וואוינט דער געלער לייבישל, שטייט אַ ליידיקע דירה, איר קענט אייך שוין די מינוט אַריינציען״.

„אַ שיינעם דאַנק, ר׳ מענדל. איר זאָלט האָבן אַ סך נחת, און איר זאָלט דערלעבן אַקעגן צו גיין משיחן. אַ גוטע נאַכט״.

„אָמן! אַ גוט יאָר. גייט געזונטערהייט״, האָט איר ר׳ מענדל געענטפערט.

די יאָסקעניצע איז אַוועק טאָפּלט צופרידן: זי איז אויך פּטור געוואָרן פון צאָלן דירה־געלט. וויפיל יידן און גוים וואוינען אין ר׳ מענדלס הייזער בחנם? די שמחה איז ווייטער אָנגעגאַנגען.

* * *

דאָ וואו די יאָסקעניצע האָט געוואוינט, האָט ר׳ מענדל געהאַט אַ גרויסע לאָנקע מיט אַ לויפנדיקן שמאָלן טייך. אַז אַ ייד פון שטעטל האָט געמאַכט אַ שמחה, האָט מען דאָרטן געכאַפּט פיש און אויך פון די סאַדזעווקעס פון ר׳ מענדלס צעמענטאָווניע, און אויך אַ פעלד, וואו עס זיינען געוואקסן קאַרטאָפל. פרילינג, ווען די אַרבעטער האָבן פאַראַקערט דאָס פעלד צו פאַר־זעצן קאַרטאָפל, איז דער „זאַוויאַדאָווצע" פון ר׳ מענדלס פאַבריק,הערשל וואולפאָוויטש, וואָס מ׳האָט אים גערופן הערשל „פויער", געקומען קאָנטראָלירן, ווי אַזוי עס גייט די אַרבעט, האָט צימל, דעם געלן לייבישלס ווייב אים געפרעגט: „ר׳ הערשל, וואָס וועט דאָ ר׳ מענדל פעלדמאַן פאַרזעצן?" האָט ער איר געענטפערט: „קרעפּלעך! וואָס דען וועט דער פאַן ר׳ מענדל פעלדמאַן פאַרזעצן — קאַרטאָפל?"

נאָך דעם האָט זי זיך פאַרקלאָגט פאַר מענטשן, ווי דער הערשל פויער האָט זי באַליידיקט.

די יאָסקעניצע מיט איר משפּחה און דער געלער לייבישל מיט זיין משפּחה האָבן דאָרטן געוואוינט אָן דירה־געלט ביז די נאַציס האָבן זיי פאַרטריבן אין געטאָ אַריין.

* * *

ר׳ מענדל האָט קיין מאָל נישט געדאַוונט פאַרן עמוד, אויסער אַז ער האָט געהאַט יאָרצייט. אַ חזקה האָט ער געהאַט — ראש השנה און יום כיפור צו

נעילה איז ער געווען דער בעל תקיעה. ער האָט געזאָגט די תפילות פאַר שופר בלאָזן מיט אַזאַ יראה און צעבראָכן האַרץ, אַז מען האָט געפילט ער רעדט מיטן רבונו של עולם. ער האָט געגעבן אַ קלאַפּ אין שולחן און אויסגערופן: „מ׳טאָר נישט אַרויסרעדן ביז נאָך דער הויכער שמונה עשרה!״ און ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין — „למנצח לבני קורח מזמור!״, אַז דאָס גאַנצע שטיבל מתפללים האָט געמוזט מיטוויינען. ר׳ מענדל איז געגאַנגען אָנגעטאָן אינגאַנצן אין ווייסן — אַ ווייס קיטל, ווייסע זאָקן, ווייסע לייוונטענע לאַטשן און אַ הויך ווייס קאַפּל צו דערמאָנען אָן די ווייסע תכריכים אין וואָס מען איז מקבר אַ מת.

לעבן ר׳ מענדלען איז געשטאַנען זיין ברודער, ר׳ חיים, אויך אינגאַנצן אין ווייסן. ר׳ חיים האָט געוואוינט אין איינעם פון ר׳ מענדלס הייזער אָן דירה־געלט און ער האָט אויך כלומרשט געהאַט אַ פּאָסטן אין ר׳ מענדלס פאַבריק. ר׳ חיים איז געווען אַ הדרת פנים, ער האָט געלערנט יומם ולילה. זיין וויב, די מומע זעלדע, מיט אירע טעכטער, האָבן געהאַט אַ געוועלב פון שרייב־מאַטעריאַלן. דעם פעטער חיים האָבן די באָלשעוויקעס נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געפאַנגען, האָט די מומע זעלדע געגעבן אַ נדר, אויב ער וועט באַפרייט ווערן, וועט זי לאָזן שרייבן אַ ספר תורה. מיט נסים איז ער אַהיים געקומען..

צום דריטן יאָרטאָג פון זיין באַפרייאונג איז די ספר תורה פאַרטיק געוואָרן און עס איז פאָרגעקומען אַ סיום־הספר — אַזוי ווי אַ חתונה. מען האָט דאָס ספר מיט מוזיק און געזאַנג און מיט גרויס פּאַראַד געפירט צו ר׳ מענדלען אין שטיבל אַריין. דער עולם האָט געגעסן, געטרונקען און זיך משמח געווען ביזן

העלן טאָג אַריין. ר׳ חיימס ספר־תורה איז געווען די שענסטע און די גרעסטע אין דעם שטיבל. אין דעם ספר האָט מען געלייענט אַ גאַנץ יאָר. ר׳ מענדלס ספר תורה איז אַצינד געווען דאָס צווייטע צום לייענען. ר׳ חיימס ספר תורה איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ברוין פלושן מאַנטעלע און ר׳ מענדלס אין אַ בלוי פלושן מאַנטל.ביידע זיינען געווען אויסגעהאַפטן מיט גאָלד — מיט אַ קרוין און צווי לייבן מיט פייער־רויטע צונגען און מיט די שני לוחות. אינעם ארון קודש איז אויך געשטאַנען אַ קליין ספר תורהלע, אָנגעטאָן אין אַן אָרעם אָפּגעשאָסן געל מאַנטעלע, אָן אַ שום באַפּוצעכץ אָדער אויפשריפט. מען האָט עס גערופן „אַבעלעס ספר־תורה״. ס׳איז געווען אַ ייד אַן אָרעמאַן, אַבעלע, איז ער יונג געשטאָרבן און איבערגעלאָזט דאָס ספר־תורהלע, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו אים בירושה. מען האָט אין דעם ספרל קיין מאָל נישט געלייענט, קיין מאָל עס נישט אַרויסגענומען פון אָרון־קודש, אויסער שמחת תורה צו הקפות. ביי מיר האָט דאָס תורהלע שטענדיק אַרויסגערופן רחמנות. ס׳האַרץ האָט מיר וויי געטאָן. „הכל תלוי במזל אפילו ספר תורה בהיכל״. וועמען האָט מען מיט גרויס כבוד מכבד געווען מיט אַ הקפה מיט דעם ספר תורהלע? „געניו וואָדי נאָשי״, יאַנקעלע „קאָסטעק״, חיים יאַנקל „קוקירוקו״, אָדער אַנדערע שטאָט־משוגעים, אָדער גרויסע קבצנים. ר׳ מענדל האָט טאַקע געקראָגן די ערשטע הקפה, אָבער ווען עס איז געקומען צו דער הקפה „עוזר דלים״ — העלף די אָרעמע לייט! — איז ר׳ מענדל געגאַנגען דער ערשטער און ער האָט געזונגען און געטאַנצט מיט די אָרעמע לייט.

ווער איז געווען „געניו וואָדי נאָשי״? זיין נאָ־

מען איז געווען געצל. ער איז געווען אַ וואַסער־טרעגער. שוין אַן עלטערער גרויער ייד מיט אַ גרויער באָרד. ער האָט טאָג־טעגלעך געגעסן ביי ר׳ מענדלען און אויך דאָרטן געשלאָפן. ער האָט געהאַט זיינס אַן אייגן לידעלע מיט זיינס אַן אייגענעם ניגון, האַלב אין יידיש און האַלב אין פויליש. מען האָט אים געפרעגט און ער האָט געענטפערט:

— צאָ געניו ראָבי? (וואָס טוט געניו?).
— געניו וואָדי נאָשי. (געניו טראָגט וואַסער).
— דלאָ קאָגאָ? (פאַר וועמען?).
— דלאָ פאַנאָ (פאַר דעם פאַן).
— דלאָ קטורעגאָ? (פאַר וועלכן?).
— דלאָ פאַנאָ פעלדמאַנאָ (פאַרן פאַן פעלדמאַן).

ווער איז געווען יאַנקעלע „קאָסטעק״? אַ יונגער אלמן, וואָס זיין ווייב האָט אים איבערגעלאָזט אַ גע־ראָטן יינגל און זיין מאַמע האָט אים דערצויגן. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער וועט חתונה האָבן מיט ר׳ מענדלס אַ טאָכטער, אָדער מיט דעם מלוכה־פּרע־זידענטס אַ טאָכטער. באַלד נאָך זיין ווייבס טויט איז ער אַראָפּ פון זינען. ער האָט זיך מיט גאָרנישט באַ־שעפטיקט, פון רחמנות האָבן אים אַלע יידן געגעבן צו עסן. בעתן עסן און נאָכן עסן האָט ער ליב גע־האַט צו דערציילן מעשיות. ווען מ׳האָט אים געהייסן עפּעס טאָן — צעהאַקן האָלץ, אָדער אַריינברענגען אַן עמער וואַסער, איז ער אַנטלאָפן וואו דער פעפער וואַקסט. דער יאַנקעלע „קאָסטעק״ איז אויך געווען אַ שטענדיקער אורח ביי ר׳ מענדלס טיש.

ווער איז געווען חיים יאַנקל „קוקוריקו״? דער ערשטער שטאָט־משוגענער, אַ שניידערס אַ זון, אַן אַלטער בחור, אַן אַרבעטזאַמער, תמיד פאַרהאָרעוועט

מיט שלעפן וואַסער, האַקן האָלץ, רוימען און קערן. ער האָט געאַרבעט אין די בעקערייען, אַז מען האָט אים געגעבן עטלעכע גראָשן האָט ער געפּאַטשט מיט די הענט אַזוי ווי אַ האָן מיט די פליגל פאַר דעם קרייען און ער האָט געקרייעט אַזוי ווי אַ האָן: „קוקירוקו!“ און די צוהערער האָבן זיך געווילט. איבערהויפּט, די חדר־ייִנגלעך האָבן זיך מיט אים אַזוי אַרום געשפּילט און האָבן פון דעם געהאַט גרויס הנאה. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, שמחת תורה, בעת די דייטשן און אוקראַינער האָבן ליקווידירט די סקאַרזשיסקער געטאָ, האָט זיך חיים יאַנקל קוקוריקו באַהאַלטן אין קעסל פון דער מקווה און אין קעסל האָבן זיי אים דערשאָסן. חיים יאַנקל „קוקוריקו“, איז אויך געווען אַ שטענדיקער אורח ביי ר׳ מענדלען.

* * *

אין ר׳ מענדלס שטיבל, יעדן אין דער פרי נאָך דעם ערשטן דאַוונען, האָבן די חתן־בחורים געדאַוונט. מיר, די גמרא־ייִנגלעך, האָבן זיך צו זיי צוגעקוקט און איינגעהערט אין זייערע שמועסן. ווען זיי האָבן אָפּגעדאַוונט און אויסגעטאָן די תפילין, האָבן צען בחורים אויסגעליידיקט זייערע מלבושים פון יעדן פּיצל מעטאַל. צו פיר בחורים האָבן זיך אַוועקגעשטעלט פון ביידע לענגלעכע זייטן שולחן, צוויי אין דער שמאָ־לער זייט, און האָבן אַרויפגעלייגט זייערע פולסן אויף דעם ברעג פון שולחן. (דער שולחן האָט נישט געהאַט קיין פּיצל מעטאַל. ער איז געווען צונויפגעפּוגעוועט און צונויפגעלאָמט). זיי האָבן אַזוי געהאַלטן אַ צען מי־נוט. דערנאָך האָט איין בחור, מיין פעטער, ייִדל

קאָגען. וואָס איז אויך געווען אויסגעליידיקט פון יעדן פיצל מעטאַל. אַ באַפעל געגעבן: „טיש, הייב דיך!" די זייט טיש, וואו ס'איז קיינער נישט געשטאַנען, האָט זיך אויפגעהויבן און געבליבן שטיין אויף צוויי פיס. דערנאָך האָט יידל געפרעגט: „טיש, ווי אַלט איז חיים?" האָט דער טיש אַראָפּגעלאָזן די פיס אויף דער פּאָדלאָגע און אויסגעקלאַפּט וויפיל יאָר חיים איז אַלט געווען. אַלע האָבן געשטוינט. דערנאָך איז אַרײַנגעקומען דער בחור יצחק. האָט יידל געפרעגט: „טיש, וויפיל געלט האָט יצחק ביי זיך?" האָט דער טיש אויפגעהויבן די צוויי פיס און געגעבן אַכט שטאַרקע קלעפּ און פערצן קליינע קלעפּעלעך און איז געבליבן שטיין אויף אַלע פיר פיס. מען האָט יצחקן געהייסן אַרויסנעמען דאָס בייטעלע און מ'האָט ביי אים אָפּגעציילט אַכט זלאָטעס מיט פערצן גראָשן. אַלע האָבן זיך געוואונדערט ווי גענוי דער טיש האָט געטראָפן. נאָכן אָפּפרייען זיך האָט יידל געזאָגט: „טיש, הייב דיך! נאָך! נאָך! בלייב שטיין!" איז ער געבליבן שטיין מיט צוויי פיס אַרויף. האָט אים יידל געפרעגט: „וויפיל מענטשן געפינען זיך אַצינד דאָ אין שטיבל?" און דער טיש האָט גענוי אויסגעקלאַפּט וויפיל. פאַר יעדן דערוואַקסענעם האָט ער געגעבן אַ שטאַרקן און הויכן קלאַפּ און פאַר די קינדער קליינע, שטילערע קלעפּעלעך. דער טיש איז געבליבן שטיין אויף די פיר פיס. מען האָט איבערגעציילט און ס'האָט געשטימט. אַלע האָבן זיך צעלאַכט און די יינגלעך האָבן זיך געפרייט. אַצינד האָט יידל געזאָגט: „טיש, הייב דיך! נאָך! שוין! טיש, וויפיל געלט האָט ביי זיך דאָס קליינע יינגעלע ירחמילאלע?" האָט דער טיש געגעבן זיבן קליינטשיקע קלעפּעלעך. מען האָט

דערנאָך אָפּגעציילט ביים יינגעלע זיבן גראָשן. מען האָט געלאַכט און זיך געפרייט. דערנאָך האָט יידל געזאָגט: „טיש, הייב דיך! נאָך! נאָך! שוין! טיש, וויפיל געלט האָט דאָס יינגעלע לייזער ביי זיך?״ די צוויי פיס האָבן זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט אָן אַ קלאַפּ. מען האָט בודק געווען לייזערן און מען האָט ביי אים קיין איין גראָשן נישט געפונען. מען האָט געלאַכט און זיך געפרייט. דערנאָך האָט יידל געזאָגט צו די בחורים: נעמט אַראָפּ די הענט פון טיש״. האָבן זיי אַזוי געטאָן. האָט יידל אַ באַפעל געגעבן: „טיש, הייב דיך!״ האָט ער אויפגעהויבן די זעלבע פיס ווי פריער. „נאָך! נאָך! שוין! וויפיל גמרות ליגן אויף דעם לאַנגן טיש?״ האָט ער גענוי אויסגעקלאַפּט וויפיל. ביז היינט ווייס איך נישט דעם סוד, ווי אַזוי עס איז געלונגען צו פאַרהיפּנאָטיזירן דעם שולחן.

ווען דער גמרא־מלמד, ר׳ אברהם פּאַלאַסעדסקי, איז אַריינגעקומען, האָט זיך יידל דעם זיידנס, וואָס איז שוין געווען „געכאַפּט אין דער מעשה״ פון לייענען ביכער, געוואָלט זיך באַווייזן מיט אַ חכמהלע. איז צו אים צוגעגאַנגען און געפרעגט מיט איראָניע: ר׳ אברהם, איז דאָס אמת, אַז דער לויתן איז אַזוי גרויס, אַז ער רינגלט אַרום די גאַנצע וועלט האַלטנדיק זיין עק אין מויל, און ווען חלילה ער לאָזט אַרויס דעם עק פון מויל ווערט צעשמעטערט די גאַנצע וועלט?״ האָט אים ר׳ אברהם געענטפערט מיט אַ גמרא־ניגון: „אַזאַ וויינדל, וואָס דער לויתן האָט — איז אַזאַ וויינדל, ווי דו ביסט!״ האָבן אַלע אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער און יידל איז אַנטלאָפן אַ פאַרשעמטער. און דער רבי קומט צו צו די יינגלעך און זאָגט: „קינדער, ס׳איז

פאַר שבועות. לאָמיר לערנען אקדמות, און ער זינגט מיט אונדז איין מיט אַ ספּעציעלן ניגון דאָס לידעלע׃

זעקס טעג אין חודש סיון,
האָט גאָט גערעדט עשרת הדברות,
אויפן באַרג סיני;
איבער דעם לייענט מען הייַנט,
דעם ערשטן טאָג שבועות, עשרת הדברות.
איידער מען לייענט די עשרת הדברות,
זאָגט מען דעם אַקדמות.
אין אַקדמות שטייט אַ לויב צו גאָט,
אַ לויב צו אַלע מלאכים;
אקדמות האָט געמאַכט ר׳ מאיר חזן,
אויף תרגום לשון,
כדי די מלאכים זאָל אים נישט פאַרשטיין —
די מלאכים פאַרשטייען נישט קיין תרגום לשון.
זאָגט ר׳ מאיר חזן: „אקדמות איידער כיהייב אָן —
מלין צו ריידן, ושריות שותא — צו שפּרעכן".
ווען אַלע הימלען זאָלן זיין פּאַרמעט,
אַלע וועלדער זאָלן זיין פּענעס,
און אַלע וואַסערן זאָלן זיין טינט —
וואָלט מען נישט געקאָנט אויפשרייבן:
די לויב פון דער הייליקער תורה".

דאָס זינגען מיר אַלע מיט, מיט גרויס התלהבות. און די חתן־בחורים הערן זיך צו מיט הנאה.

* * *

תשעה באב, האָט מען אין שטיבל אויף דער פּאָד־לאָגע אויסגעשיט היי. מ׳האָט אומגעלייגט די לאַנגע בענק. די יידן האָבן אויסגעטאָן די שיך, געגאַנגען אין די זאָקן. זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויף דעם זוים פון די אומגעלייגטע בענק.

די עלעקטרישע ליכט האָט מען נישט אָנגעצונדן.

יעדער האָט געהאַלטן אַ קינה אין איין האַנט און אין דער צווייטער אַן אָנגעצינדן חלבן ליכטל און מ׳האָט געקלאָגט אויפן חורבן ירושלים. מיין זיידע ר׳ נתן ראַגען, האָט געהאַט די חזקה צו זאָגן די קינה. ער האָט אויסגעזונגען מיט דעם טראַדיציאָנעלן אַלטן קלאָג־ניגון, מיט זיין האַרציקער, וויינענדיקער שטימע; און די מתפללים האָבן אים נאָכגעזאָגט פסוק בפסוק און טרערן זיינען אים גערונען פון די אויגן. קליינע, פאַר־שייטע יינגלעך, האָבן דורך די אָפענע פענצטער און טיר, אַריינגעוואָרפן אויף די מתפללים „תשעה באָב־לעך״ (שטעכערלעך), וואָס זיי האָבן אָפּגעריסן פון ר׳ מענדלס פעלדער, און געטראָפן אין די יידנס בערד.

תשעה באב האָט ר׳ מענדל געטראָגן אַ ספּעציעל וואָכעדיק כאַלאַטל, וואָס ער האָט עס אַ גאַנץ יאָר נישט גענוצט. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם גאַנצן וואָכע־דיקן עול, ער איז נישט געגאַנגען אין פאַבריק אַריין און נישט עוסק געווען אין קיין שום געשעפטן.

נאָכן אָפּזאָגן די קינות האָט ר׳ מענדל שפּאַצירט מיט זיינע חסידים אין שאָטן פון זיין אַליי. מ׳האָט גערעדט דברי תורה, פּאָליטיק, זיך דערציילט חסידישע מעשיות. און מען האָט גערעדט מיט ווייטיק וועגן די היינטיקע מיידלעך, וואָס טראָגן קורצע קליידער מיט קורצע אַרבל, מיט דעקאָלטן. און וועגן די יונגאַטשעס, וואָס גאָלן זיך און אפילו אום שבת, רחמנא לצלן! און פרעסן אָן געדאַוונט! — צאָרנט דער אַלטער ר׳ חיים מאיר.

„וואָס״ — רופט זיך אָן מיין טאַטע, ר׳ טוביהלע — „ווי קאָנט איר אַזוי רעדן אויף יידן? וועלכער ייד וועט דאָס עסן פאַר דעם דאַוונען? אָדער וועלכער ייד

ווען זיך וואַגן ראַזירן שבת? איי, ר׳ חיים מאיר, זינדיקט נישט!״

„ווער און וואָס איז שולדיק אין דעם? — רופט זיך אָן דער גמרא־מלמד, דער ליטוואַק, ר׳ אברהם פּאַלאַסעדסקי — „נאָר די יידישע ביכער. אַ ביבליאָ־טעק ברויכן זיי? צי אַלדע שווארץ יאָר! זיי לערנען צופיל תנ״ך! גמרא מאַכט פּאַר אַ ייד. דער גרעסטער אפיקורס איז פּרץ, אַ גוי מיט וואָנצעס פון אַ פּוילישן פּריץ. ער האָט אויף זיי אַ גרויסע השפּעה. ער האָט דאָס זיי אַראָפּגעפירט פון וועג. און שלום־עליכם ער איז גאָר אַן אומגליק. ער לאַכט אויס און חוזקט אָפּ פון גאַנצן יידישן פאָלק! זעט איר שלום אַש, מאַכט זיי נישט קאַליע. זיין ,שטעטל׳ איז ממש אַ ספרל. דער ערגסטער איז שלום עליכם — אַ לץ!״ פאַרענדיקט ער גיפטיק. און די צוהערער זיינען גרייט אַצינד צו צערייסן שלום עליכמען אויף פּיץ־פּיצלעך. נאָר איין ר׳ מענדל שמייכלט אין זיך: „קומט, וועל איך אייך דערציילן אַ מעשה״. זיי פאַרלאָזן די אַלטאַנקע און שפּאַצירן אין שאָטן, אין דער אַליי. און ר׳ מענדל דער־ציילט זיי אַ מעשה פון שלום עליכם, וועגן אַן אַרענדאַר און אַ רב. נאָר די יידן הייבן נישט אָן צו וויסן, אַז דאָס איז שלום עליכמס אַ מעשה. נאָר ווען ר׳ מענדל ברענגט אַרויס די טפּשות פון דעם רב און פאַרענדיקט מיט שלום עליכמס ווערטער: „איך האָב אייך נאָר געוואָלט ווייזן, וואָס פאַר אַ רב מיר פאַרמאָגן״, ברעכן אויס אַלע אין אַ שטאַרק געלעכטער. נאָר צום מיינסטן האָט גע־לאַכט יאַנקעלע וואָפּאָוויטש, וואָס מען רופט אים פאַר זיין טפּשות „פּאַי צאַדיק״. ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן. ער האָט זיך ממש געקייקלט פון געלעכ־טער. נו־נו, איז דער אַלטער ר׳ חיים מאיר אויף אים

אַרויפגעפּאַלן מיט גרויס צאָרן: „דו, דו, פּ. צ.! תשעה־באָב מעג מען לאַכן?! האַ?! אין תשעה־באָב?! תשעה־באָב מוז מען קלאָגן אויף חורבן ירושלים! דו, פּ. צ. וואָס דו ביסט! ווען דו ברענגסט מיר אַ שעפּל, וואָלט איך אָנגעגאָסן אַ פול שעפּל מיט טרערן".

האָט ר' מענדל זיך צעשמייכלט און געזאָגט צו יאַנקעלען: „ווען דו וואָלט טאַקע נישט געווען קיין פּאַי צאַדיק, וואָלסטו אים געברענגט אַ שעפּל און זאָל ער אָנגיסן אַ פול שעפּל מיט טרערן".

* * *

איין מאָל אין הושענא רבה, ווען דער ערשטער מנין האָט שוין געהאַט אָפּגעדאַוונט, האָט זיך פאַרזאַמלט דער צווייטער מנין און, ווי דער שטייגער איז געווען, האָט מען געוואַרט אויף ר' מענדלען מיטן אָנהייבן דאַוונען. ערשט נאָך איינס איז ר' מענדל אַריינגעקומען, אַ טרויעריקער און שטאַרק צעטראָגן. מען פאַרענדיקט דאָס דאַוונען נאָך דריי. מען האָט געזען אויף ר' מענדלס פּנים, אַז ער האָט גרויס שברת־הלב.

די מעשה איז געווען אַזאַ: זיין שוועסטער חנה, האָט אַליין געזען, ווי זיין טאָכטער, אסתר רבקה, טרעפט זיך מיט אַלעקס לאַנדע, דער „גאַלעבראַדע" (ראַזיר־טער), און ער טראָגט אַ קאַפּעלוש און זיין טאַטע טראָגט אויך אַ „קאַפּעלאַטש", כאָטש ער האָט אַ שיינע ברייטע באָרד, און זיינע איידימס און די טעכטער רעדן נאָר פּויליש אַזוי ווי די גויים; און האָבן נאָר געלערנט אין די גויאישע שקאָלעס.

„מענדל, מיר דאַכט זיך, אַז דיין טאָכטערל פירט מיט דעם אַלעקסן אַ... אַ ליבע! אַ מאָדע אַרויסגעקומען — ליבעס! זי וועט נאָך ברענגען חרפּות און בושות אויף אונדזער משפּחה. דו הערסט, מענדל?!

ליבע?! אין איידעם, דעם אַמשינאָווער רבינס זון, אַ גרויסער תלמיד חכם, אַ צדיק, וואָס לערנט טאָג און נאַכט. אַ קלייניקייט ר׳ מרדכילע? און דער צווייטער איידעם — אַלעקס לאַנדע, דער גאָלעבראָדע! פוי זאָל עס ווערן!״ האָט זי אויסגעשפיגן.

דער אַלטער לאַנדע, אַלעקס פאָטער, איז געווען אַ בכבודיקער פרומער ייד. ס׳איז ביי אים געווען אַ כשר הויז. ער האָט זיך אָבער נישט געמישט מיט די חסידים. ער האָט אַבאָנירט אַ יידישע טאָג־צייטונג און אויך אַ העברייאישן זשורנאַל. ער איז אויך געווען וועלטלעך. ער האָט נישט געטראָגן דאָס „גלות־היי־טעלע״, נאָר אַ שוואַרצן קאַפּעליוש מיט אַ ברייטן ראַנד. אין דער וואָכן איז ער געגאַנגען קורץ־געקליידט, אין אַ מאַרינאַרקע. נישט קיין כאַלאַטל. נאָר שבת און יום־טוב האָט ער געטראָגן דעם פּויליש־חסידישן טראַכט. ער איז געווען אַן אויסנאַם אין שטעטל, אַ גאַליציאַנער.

ר׳ מענדלען איז פּינצטער געוואָרן פאַר די אויגן פון זיין שוועסטער חנהס אַנטפּלעקונג. ניין! נישט ביי מיין לעבן!״ — האָט ר׳ מענדל אויסגעשריגן — „איך מוז מיט אסתר־רבקהן טאָן אַ שידוך לויט מיינס גלייכן. דער חתן מוז זיין אַ תלמיד חכם! און דער מחותן אַ שיינער חסידישער ייד. איך מוז האָבן מיט וועמען זיך פאַרצושטעלן. עס מוזן פון זיי אויסוואַקסן תלמידי חכמים״.

באַלד האָט ר׳ מענדל אַריינגערופן אסתר רבקהן אין זיין צימער און זי געפרעגט: „איז דאָס אמת, מיין טאָכטער, אַז דו גייסט מיט אַלעקסן?״ זי האָט אים געזאָגט דעם אמת: „יאָ, טאַטעשי, איך טרעף מיך מיט אַלעקסן. מיר האָבן זיך ליב און מיר האָבן באַ־שלאָסן חתונה האָבן״.

ר׳ מענדל האָט אויפגעציטערט. ער האָט אַ שווערן זיפץ געטאָן און זי געפרעגט פאָטערלעך: „אסתר רבקהלע, דו ווילסט ברענגען חרפּות און בושות אויף דיין טאַטן?״

„איך קאָן מיר נישט העלפן, טאַטעשי. איך האָב אים ליב. איך קאָן אָן אים נישט לעבן״.

ר׳ מענדל האָט מיט איר איינגעטענהט מיט גוטן און מיט בייזן, און, אַז זיין קראַנק האַרץ וועט די חרפּה נישט איבערטראָגן. און זי האָט געהאַלטן אין איין ענטפערן: „איך האָב אים ליב״. ר׳ מענדל איז אַריין אין כעס, ער האָט זי געשלאָגן. דערנאָך האָט אים ס׳האַרץ ווי געטאָן פאַרוואָס ער האָט זי געשלאָגן. ער האָט דעם הושענא רבה אין שטיבל צו קיינעם קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. ער איז געווען פול מיט צער.

* * *

באַלד נאָך סוכות האָט ר׳ מענדל מיטגענומען אסתר רבקהן קיין וואַרשע און מיט איר תנאים געשריבן מיט אַ חתן, אַ לערנער, אַ זון פון אַ גרויסן גביר און אייזן־סוחר, אַ גערער חסיד. ר׳ מענדל האָט באַלד געסילוקט אַ וואַגאָן סחורה פון זיין פאַבריק. אויף ר׳ מענדלען האָט מען זיך געקענט פאַרלאָזן. דער חתן איז געווען עפּעס „אַזוינס און אַזעלכעס״, און פון גרויס יחוס. ר׳ מענדל איז אַהיימגעקומען און האָט פון דעם נישט געמאַכט קיין רעש. ער׳ט אפילו נישט געמאַכט אַ קידוש לכבוד דעם שידוך. ער האָט עפּעס געהאַט אַ שלעכטס פאַרגעפיל.

שפּעט אין ווינטער האָט ר׳ מענדל, ווידער מיט־גענומען אסתר רבקהן קיין וואַרשע איר קויפן אַ פּור־טער־מאַנטל. זיי זיינען אַריין אין גרעסטן פוטער־

געשעפט. זי האָט אָנגעמאָסטן איך פּוטער נאָך דעם צווייטן און נישט געקענט זיך צוקלייבן. פּלוצלינג האָט זי געזאָגט: „טאַטעשי, איך מוז אַרויסגיין אויף עטלעכע מינוט. זאָל דער טאַטעשי אַזוי גוט זיין דאָ וואַרטן אויף מיר. איך וועל באַלד צוריקקומען". דער פֿאָטער האָט איר דערלויבט. אָבער זי איז נישט צו־ריקגעקומען. עטלעכע טעג שפּעטער האָט זיך פֿאַר־שפּרייט די נייס, אַז אסתר רבקה מיט אַלעקס לאַנדע האָבן ערגעץ אין אַ קליין שטעטל הינטער וואַרשע גענומען חופּה וקדושין.

* * *

ר' מענדלען איז די חרפּה שווער געווען איבערצו־טראָגן. ער האָט זי פֿאַרלייקנט: „אויס, אויס מיין טאָכטער! איך וויל מער נישט הערן איר נאָמען!"

דאָס פּאָרפֿאָלק האָט ערגעץ געוואוינט אין וואַרשע אין איין צימער. אַלעקס איז געווען אַ בוכהאַלטער, פֿון דעם האָבן זיי זיך דערנערט. צום יאָר איז גע־בוירן געוואָרן אַ קינד. שפּעטער איז אָנגעקומען אַ קריזיס אין פּוילן. אַלעקס איז געבליבן אָן אַרבעט. זיי האָבן געלעבט אין גרויס נויט.

ר' מענדל האָט זיך פֿון דעם דערוואוסט און ער האָט זיי אַהיימגעבראַנגט. ער האָט זיי אָפּגעגעבן אַ וואוינונג ביי זיך אין פּאַלאַץ און אויסגעהאַלטן מיט אַלעם.

* * *

איך געדענק ווען אַלעקס מאַמע איז געשטאָרבן. כ'האָב דעמאָלט געלערנט אין בית־המדרש. איז ער יעדן טאָג געקומען אין בית־מדרש דאַוונען פֿאַרן עמוד און געזאָגט קדיש. ער האָט גוט געקאָנט עברי, געזאָגט מיט אַ גוטער אויסשפּראַך און אַ שיינעם ניגון. דעם ערשטן טאָג האָב איך באַוואונדערט זיין קליינעם זיי־

דענעם טלית און קליינע תפילין, וואָס איז מיר אויס־געקומען צו זען צום ערשטן מאָל. אַלעקס איז געווען רעליגיעז, אָבער נישט קיין פרומאַק.

* * *

ווען מיין פעטער, ר׳ מענדל פעלדמאַן, האָט גע־קויפט אַן אתרוג חוץ, וואָס ער האָט געמוזט זיין אַ הדר, האָט ער זיך אויך באַמיט, אַז דער אתרוג זאָל האָבן דעם צייכן פון דעם ביס פון חוהס ציין (אַ קנייטש); וואָרים עס איז דאָ אַן אגדה: דער עץ הדעת פון וועלכן אָדם און חוה האָבן געגעסן אין גן־עדן איז געווען אַן אתרוג־בוים און דער ביס פון חוהס ציין איז פאַרבליבן אויף אייביק.

שמחת תורה, איז שוין איין מאָל געווען היימלעך ביי ר׳ מענדלען. גאַנץ סוכות האָט ר׳ מענדל פאַר־ברענגט אין זיין יאָר־סוכה, וואָס האָט זיך אויפגעמאַכט מיט צוויי פליגלען מיט שטריק אויף רעדלעך. מען האָט געטרונקען וויין און ביר, געזונגען און געטאַנצט. ביר גאַנצע פעסער, וואָס מען האָט געפּלומפּט מיט אַ מעשענעם פּלומפּל. שמחת תורה האָט נאָר געדאַוונט אין מנין. דער פריילעכסטער ייד איז געווען דער שוואַרצער שיע. ער האָט אַלעמען פריילעך געמאַכט. דער שוואַרצער שיע איז געקומען פון אָסטראָווצע. ער האָט געהאַט פיר זין: צוויי פון ערשטן ווייב און צוויי פון צווייטן ווייב. דאָס זיינען געווען צוויי יינגלעך וואָס האָבן מיט מיר צוזאַמען געלערנט אין חדר. גערופן האָט מען אים „שוואַרצער״ שיע, ווייל ער איז געווען שוואַרץ הויטיק, געהאַט אַ פּעך שוואַרצע באָרד, שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, שוואַרצע האָר מיט אַ פּליך. זיין שוואַרצע באָרד איז געווען צוגעשוירן און תמיד שיין געקעמט. ער האָט געטראָגן אַ ווייסן שטייפן קאָלנער מיט אַ ברייטן שוואַרצן קראַוואַט, אַן עלע־

גאַנטע וואָלענע חסידישע קאַפּאָטע און אַ יידיש היטל. אַ גאַנץ יאָר האָט דער שוואַרצער שיע געאַרבעט אין וואַרשע, אַ האַנדלס־אַנגעשטעלטער געווען, ער איז נאָר אַהיים געקומען אויף די ימים נוראים ביז איבער סוכות. און יעדעס יאָר האָט ער מיטגעבראַנגט אַ נייעם מאָדזשיצער מאַרש, וואָס ער האָט אים געזונגען ביי ר׳ מענדלען אין שטיבל. דאָס גאַנצע שטיבל האָט באַלד מיטגעזונגען און באַלד האָט דאָס גאַנצע שטעטל יידן געזונגען. אַ יאָר שפּעטער האָט ער געבראַנגט אַ צווייטן ניגון און יענער האָט שוין געהייסן דער אַלטער ניגון. אַזוי איז דאָס געגאַנגען יאָר נאָך יאָר. דער שוואַרצער שיע איז געווען אַ בעל־שחרית, אַ מתיקותדיקער בעל־תפילה, און ביים עמוד האָט ער זיך צעזונגען מיט זיין נייעם מאַרש. ער האָט געהאַט אַ לירישן טענאָר, געזונגען מיט האַרץ. שמחת־תורה האָט שוין דאָס גאַנצע שטעטל יידן געזונגען מיט פייער און ברען זיין נייעם ניגון.

דער שוואַרצער שיע זיצט ביים טיש נאָענט צו ר׳ מענדלען. ער הייבט אָן זיין ניגון אויפן הויכן קול, אַלע האַלטן אונטער און פּלאַסקן צו מיט די הענט. ער שאַרט אַוועק דאָס טישטוך, שפּרינגט אַרויף אויפן טיש און טאַנצט אויפן גאַנצן טיש. די יידן און די יינגלעך זינגען אַלץ לעבעדיקער און פריילעכער זיין נייעם ניגון, פּאַטשן מיט די הענט, טופּן מיט די פיס און דער שוואַרצער שיע טאַנצט מיט עקסטאַז. פּלוצלונג שטעקט ער אַריין צוויי פינגער אין מויל און פייפט אויס דעם ניגון. דערנאָך פייפט ער סתם אין דער וועלט אַריין.

„יידן, דער בעל־שם־טוב זכר צדיק קדוש לברכה האָט געהייסן פריילעך זיין! עצבות איז עבודה־זרה! יידן, זייט פריילעך! לעבעדיקער! לעבעדיקער!״ זינגט

מען נאָך לעבעדיקער. דערנאָך פרעגט ער אויפן הויכן קול:

„וואָס זיינען מיר?"

„יידן!" ענטפערן אַלע צוזאַמען.

„ווער האָט גאָט געגעבן די תורה?"

„אונדז יידן!"

„ווער האָט אָנגענומען די תורה?"

„מיר יידן!"

פלוצלונג שפרינגט ער אַראָפּ פון טיש און שרייט אויס: „אַ קאָזאַצקע!". מען מאַכט אַן אָרט און ער טאַנצט אַ קאָזאַק. אַלע זינגען נאָך התלהבותדיק, מען פּליעס־קעט מיט די הענט. דערנאָך מאַכט מען אַ ראָד און מען טאַנצט — אַלץ מיט דעם נייעם מאַרש, און דער שוואַר־צער שיע גיט צו פייער: „יידן לעבעדיקער! לעבע־דיקער!" און מען זינגט און מען טאַנצט טאַקע נאָך לעבעדיקער אַזוי אַ לאַנגע צייט ביז דער שוואַרצער שיע שרייט אויס: „אַ גוט יום־טוב, יידן! לשנה הבאה בירושלים!" ענטפערן אַלע: „גוט יום־טוב, גוט יום־טוב! לשנה הבאה בירושלים!"

דערנאָך ברענגט מען אַריין דאָס געבראָטענע געגדזנס מיט געפילט קרויט. מען פאַרטרינקט מיט ביר און דער שוואַרצער שיע הייבט ווידער אָן דעם נייעם ניגון, ער נעמט אָן ר׳ מענדלען ביי דער האַנט און באַלד שאַפט זיך אַ ראָד און אַלע זינגען און טאַנצן מיט גרויס התלהבות:

„אשרינו ישראל! אשרינו ישראל!"

און אַזוי אויך די חסידים. איך האָב אַ גאַנץ יאָר געמאַכט אינדערהיים הקפות מיט אַ חומש מיט דעם שוואַרצן שיעס ניגון און נאָכגעמאַכט מיטן זינגען און טאַנצן דעם שוואַרצן שיען.

* * *

וועגן ר׳ מענדל פעלדמאַנס שוואָגער, מיין זיידע ר׳ נתן קאָגענס הויז, מוז איך כאָטש עפּעס דערציילן. אַזוי ווי ער איז כל ימיו געווען דער פּרנס פון שטעטל און אַ ליבער צוגעלאָזענער מענטש, איז ביי אים גע־ווען אַן אָפן הויז: אין עסצימער זיינען אַריינגעקומען כמעט אַלע יידן פון שטעטל געוואויר ווערן נייעס. קודם איז אין זיידנס הויז יעדן טאָג אָנגעקומען די טאָג־צייטונג „היינט״ פון וואַרשע. דאָ האָט עס תמיד גע־קאָכט מיט דיסקוסיעס פון פרומע און וועלטלעכע, פון עלטערע יידן, תלמידי־חכמים, און יונגע, וואָס האָבן נאָך אַ סך לערנען תנ״ך און גמרא, פאַרלאָזט דאָס בית־המדרש און געלייענט די נייע יידישע ליטעראַטור און די וועלט־ליטעראַטור. טייל האָבן גענומען זוכן נייע געטער, געוואָלט באַפרייען די וועלט. אין שטעטל זיינען אויך אָנגעקומען די אַנדערע טאָג־צייטונגען: „דער מאָמענט״, „דער עקספּרעס״. איין איינציקער ייד, אַ היטלמאַכער, האָט אַבאָנירט די בונדישע „פאָלקסצייטונג״.

דאָ, אין עסצימער, איז אויסגעדראָשן געוואָרן די וועלט־פּאָליטיק. מען האָט דיסקוטירט וועגן ביכער, וואָס מען האָט אויסגעבאָרגט אין דער יידישער ביב־ליאָטעק פון „פּראָפּעסיאָנעלן שניידער־פאַראיין״. דאָ זיינען פאָרגעקומען פייערדיקע וויכוחים צווישן אָר־טאָדאָקסן, ציוניסטן, סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן און אַנ־אַרכיסטן. יידל, מיין זיידנס בן־יחיד, אַ פידלער און אַ זינגער, וואָס האָט פאַרלאָזט דאָס בית־המדרש און זיך אַריינגעלאָזט אין לייענען ביכער, האָט זיך דאָ גע־

קאַכט מיט זיינע נייע תורות, אַז יידן מוזן האָבן אַן אייגן לאַנד.

עס זיינען דאָ אַריינגעקומען יוקל־יעקל־יאַקל. יוקל איז געווען דער שמש און דער קברן. ר׳ יוקל — אַן עלטערער ייד מיט אַ־לאַנגער, ברייטער, גרויער באָד. ווען איך האָב צו אים געהאַט אַ טענה: „ר׳ יוקל, פאַרוואָס האָט איר באַגראָבן מיין באָבע?!״, האָט ער גאָרנישט געענטפערט. „יעקל״ האָט מען גערופן יעקב לאַנדע, דער סעקרעטאַר פון דער ידישער גמינע. „יאַקל״ האָט מען גערופן ר׳ יאַנקל עסיגמאַכער, וואָס איז געווען אַ דאָזער אין דער ידישער גמינע. האָט מען זיי גערופן צוזאַמען — „יוקל־יעקל־יאַקל״.

דאָ איז אויך אַריינגעקומען איטשעלע „קאַפּעליוש״. אַזוי האָט מען אים גערופן, ווייל ער איז געווען דער ערשטער ייד אין שטעטל, וואָס האָט געטראָגן אַ קאַפּעליוש, בעת אַלע האָבן געטראָגן „גלות־היטעלעך״. שפּעטער האָט מען אים גערופן „רב״, ווייל ער האָט געררייכערט פּאַפּיראָסן אין שבת. ער איז געווען אַ פאַרברענטער לינקער „פּעצעק״ (פּועל־ציוניסט).

דאָ איז אויך אַריינגעקומען שמואל „פּאָזנאַנסקי״. אַזוי האָט מען אים גערופן, ווייל ער איז געווען דער גרעסטער קבצן אין שטעטל און אַ בעל מטופל מיט אַ גאַנצן טוץ קינדער, און דווקא בלויז מיידלעך. געוואוינט האָבן זיי אין אַ פינצטערן, נאַסן קעלער און געפּוכניעט פון הונגער און אַזוי ווי דער ייד, פּאָזנאַנסקי, איז געווען דער ראָקעפעלער אין פוילן האָט מען אונדזער שמואל גערופן פּאָזנאַנסקי.

דאָ איז אויך אַרייַנגעקומען: שרה „גיט מיר די נעהאָרע״, גאָדל סטאָלאַזשס אַ טאָכטער, וואָס האָט געדינט ביי שמואל „אוגערקאַלע״, אַזוי האָט מען אים גערופן, ווייל ער איז געווען אַ קליינער. ווען זיין קינד איז קראַנק געוואָרן, האָט זיין ווייב, ציפּע, געמיינט, אַז עס האָט געקריגן אַן עין הרע, — אַז אַ „בייז אויג״ האָט דאַרויף געקוקט, האָט ציפּע גענומען זיבן שטיקלעך הייסע האָלץ־קוילן און אַרייַנגעוואָרפן אין אַ גלאָז קאַלט וואַסער. זיינען די קוילן אַראָפּגעפאַלן איז געווען אַ סימן, אַז די עין־הרע איז אויסגעלאָשן געוואָרן, זיינען די קוילן געבליבן אויפן וואַסער, איז געווען אַ סימן, אַז ס'איז נישט קיין עין הרע. ווען דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָט ציפּע אויסגעלעקט דעם קינדס אייגעלעך און דריי מאָל באַשפּיגן דאָס פּנימל: „טפו־טפו־טפו!״ ווען דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן, האָט זי געשיקט שרהן צו מיין טאַטע, ר' טוביהלע, ער זאָל דאָס קינד אָפּשפּרעכן אַן עין הרע. זי איז אַרייַנגעקומען צו אונדז, איז געבליבן שטיין ביי דער טיר מיט דער האַנט אויף דער קליאַמקע און געזאָגט שעמעוודיק: „ר' טוביה, שפּרעכט אָן אַנעהאָרע ציפּעס קינד״.

„ווי הייסט דאָס קינד?״ פרעגט מיין טאַטע ביי איר.

„שפּרינצע״.

„אַזוי, שפּרינצע בת ציפּע״, זאָגט מיין טאַטע, וואַשט זיך די הענט און שפּרעכט אָפּ אַן עין הרע בלחש: „איוב היה הולך בדרך ופגש בו אליהו ז״ל מי ירפּא שרפּא...״ און איך חזר מיר איבער ווי אַזוי די יינגלעך אין חדר שפּרעכן־אָפּ אַן עין־הרע:

ניהאָרי, ניבאָרי, ניעקיקיריקי,
צוויי ווייבעלעך שטייען און קוקן זיך צו.
איינע זאָגט: „יאָ!" די צווייטע זאָגט: „ניין!"
זיי האָבן זיך אַזוי לאַנג געשלאָגן
ביז זיי האָבן זיך אויסגעהאַקט די ציין.

דאָס מיידל איז אַלץ געשטאַנען ביי דער טיר מיט דער קליאַמקע אין דער האַנט. מיר האָבן שוין געהאַט פאַרגעסן אָן איר. עס האָט גענומען אָן ערך אַ האַלבע שעה האָט זי אַרויסגעפּלאַצט אין כעס: „נו, גיט מיר שוין די נעהאָרע! ר׳ טוביה!"

האָט איר מיין טאַטע אויפגעקלערט: „דו, טאָכ־טערשי, דאַרפסט גאָרנישט מיטנעמען. גיי זאָג ציפּען, אַז כ׳האָב אָפּגעשפּראָכן אָן עין הרע און עס וועט זיין צו רפואה שלימה". ערשט דעמאָלט האָט זי אַראָפּ־גענומען די האַנט פון דער קליאַמקע און איז אַוועקגע־גאַנגען. די מעשה האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבערן שטעטל און פון דעמאָלט אָן האָט מען זי גערופן: „גיט מיר די ניהאָרע".

ס׳איז דאָ אויך אַריינגעקומען יידל, בינעם בעריי־שעס, וואָס מען האָט אים גערופן מיט צוויי צונעמען: „נדן" און „בדחן". די מעשה איז אַזוי געווען: יודלס מוטער איז געווען אַ שוועסטער פון ר׳ מענדל פעלד־מאַן און זיין פאָטער, ר׳ בינעם בעריש, איז געווען אַ גרויסער תלמיד חכם, ממש אַ גאון. האָט זיי נישט געפּאַסט, זייערס אַ קינד זאָל ווערן אַ באַלמעלאָכע. אָבער יידל האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער מוז דווקא ווערן אַ באַלמעלאָכע. אָבער נישט קיין שוסטער און נישט קיין שניידער, ווייל ס׳איז דאָ אַ ווערטל אין פּוי־ליש: „שעווצי אי קראַווצי טאָ ניע לודזשיע" (שוס־

טערס און שניידערס זיינען נישט קיין מענטשן). און אַ גויאיש ווערטל איז, להבדיל, אַזוי ווי אַ תורה. איז ער געוואָרן אַ סטאָליאַר. ער איז אַוועק אויף דער לער, אָפּגעאַרבעט דריי יאָר בחינם און נאָך עטלעכע יאָר פאַר אַ קליינעם לוין. האָט ער געזען, אַז מען נוצט אים אויס, האָט ער גענומען אַרבעטן אויף דער אייגענער האַנט און ער האָט אויך נישט אַ סך פאַר־דינט. פון גאַנצע טעג שטיין און הובליעווען ברע־טער האָט ער באַקומען אַ הויקער אין דער מיט פּלייצע און דאָ לויפן אַוועק די יאָרן, מען דאַרף חתונה האָבן. האָט ער געזען, אַז אַ באַלמעלאָכע קריגט נישט קיין נדן, האָט ער זיך מיישב געווען און באַשלאָסן אַוועק־צואוואַרפן ס׳פאַך און ווערן אַ סוחר. באַשלאָסן און געטאָן: צום האַנדל דאַרף מען דאָך אָבער האָבן געלט און ער האָט דאָך, נעבעך, נישט געהאַט, האָט ער זיך גענומען האַנדלען מיט טיי. אַזוי ווי ביי מיין זיידן איז נאָך שבת געבליבן אין אַ טשייניק אַ סך אויפגע־בריטע טיי, וואָס איז געשטאַנען לעבן „שבת־אויוון״, פון וועלכן כמעט ס׳גאַנצע שטעטל פרומע יידן האָבן אין די שבתים געטרונקען, האָט יידל גענומען פון טשייניק די נאַסע אויסגעווייקטע טיי, זי אויסגע־טריקנט, אָנגעפאַרבט און אויסגעמישט מיט אַ פּעקעלע פּרישע טיי און פאַרקויפט צו די באַלעבאָסטעס אויפן דעקאָ. ווען איך האָב אים איין מאָל געזען דאָס טאָן ביי מיין זיידן אין דער קיך, האָב איך אים געפרעגט: „יידל, צו וואָס טויג דיר דאָס, האָסט דאָך אַ גוט פאַך אין דער האַנט?״ האָט ער מיר געענטפערט: „נדן!״ פרעג איך אים: „וואָס הייסט דאָס?״ ענטפערט ער מיר: „פון פאַך האָב איך מיר אָפּגעשפּאָרט אַ

הויקער און שוואַכע לונגען. אַצינד, אַז כ׳בין נישט קיין ,באַלמעלעקע׳ [באַלמעלאָכע], נאָר אַ סוחר, האָב איך אַ שאַנס צו באַקומען נדן. אַ שיינע כלה מיט אַ שיינעם נדן. אַ בעל־יחוס בין איך דאָך, אויס באַלמע־לאָכע — איז אויס פלעק אין דער משפחה. און כ׳וועל נעמען אַ גרויסן נדן, וועל איך ווערן אַ גרויסער סוחר", האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ האָפערדיקן טאָן און מיט אַ שמייכל פון בטחון.

„אוי, יידל, יידל: „יחוס הקברות, אַ וו׳דאָמו צרות", האָב איך געזאָגט מיט אַ וויציקן טאָן, און ער האָט נאָך אַ מאָל געזאָגט מיט זיכערקייט: „אַצינד, אַז כ׳בין אַ סוחר וועל איך קריגן נדן". אַצינד ווייסט מען שוין, פאַרוואָס מען האָט אים גערופן „נדן". יידל האָט אויך געוואָלט שפּילן טעאַטער. וואו ער האָט געהאַט די געלעגנהייט האָט ער אויסגעפּאַקט זיין טאַ־לאַנט. צום מייסטן האָט ער דאָס געקענט באַווייזן צווישן ווייבער. די ווייבער פון דער גרויסער משפּחה פון ר׳ מענדל פעלדמאַן פלעגן זיך אויסזעצן אויפן הויף לעבן מיין זיידן ר׳ נתנס פענצטער. זיי פלעגן זיך דער־ציילן מעשות, טרייבן רכילות, אויסריידן אויף די מענער. האָט זיך יידל באַוויזן און, אַז ער האָט דער־זען אַ סך ווייבער, האָט ער פאַר זיי אויסגעפּאַקט זיין גאַנצן רעפּערטואַר — אַ ליד וועגן אַ חתונה און אַ דע־קלאַמאַציע וועגן ליבע, מיט גראַמען. דערפאַר האָט מען אים אויך גערופן: „בדחן".

ווען כ׳בין אַהיים געקומען פון לאָדזש, נאָך עט־לעכע יאָר שטודירן אין דער „לאָדזשער יידישער טע־אַטער סטודיע", נאָך שפּילן קלאַסישן רעפּערטואַר און נאָך מיינע רעציטאַציע־אויפטריטן אין לאָדזש און אין די אַרומיקע שטעטלעך — איז שוין יידל געווען אַן

אַלטער פאַרזעסענער בחור, און געטרוימט וועגן אַ שיינער רייכער כלה מיט אַ סך נדן. פּורים ביינאַכט איז, ווי יעדעס יאָר, פאָרגעקומען אַ פאָרשטעלונג — „מכירת יוסף״ — פון דראַמאַטישן קרייז פון שטעטל, אין גרעסטן קינאָ־זאַל פון שטעטל. דאָס געלט איז געגאַנגען אויף מעות חיטים. דאָס גאַנצע שטעטל יידן איז געקומען, אויסער די חסידים. דער זאַל איז געווען איבערגעפּאַקט — הונדערטער יידן, יונג און אַלט, פרומע און וועלטלעכע. בעת מען האָט אויפגעשטעלט די דעקאָראַציעס צווישן איין אַקט און דעם צווייטן, האָט מען מיך געבעטן, כ׳זאָל עפּעס רעציטירן. איך בין געשטאַנען אויף דער ראַמפּע, הינטער מיר איז געווען אַראָפּגעלאָזט דער פאָרהאַנג און איך האָב רע־ציטירט משה שולשטיינס אַנטי־מלחמה ליד, „צוגן״. אויף דעם האָב איך געהאַט אַ „מאַרקע״. איך האָב געלייענט מיט אַזאַ ריטם, ווי עס גייט אַ לאָקאָמאָטיוו, און שפּעטער — ווי אַ צוג. איך האָב באַלד פאַרכאַפּט אַלע צוהערער. ס׳איז פאַר זיי געווען עפּעס נייעס און דער אינהאַלט האָט גערעדט צו זייערע הערצער. איך האָב געפילט, אַז דער עולם איז פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין איין צוהערער. יידל האָט אין דער פּיעסע סטאַטיסטירט, איז ער געווען אויף דער בינע, מיך געהערט און דערפילט מיין דערפאָלג, האָט זיך אין אים אָנגעצונדן די קנאה און דורך דעם פאָרהאַנג האָט ער מיך אָנגעכאַפּט ביי דער לינקער זייט, מיך געוואָלט אַריינשלעפּן. כ׳האָב געהערט זיין שרייען מיט היס־טעריע: „שויך געֵנוג!״ איך האָב מיך נישט פאַר־לוירן. כ׳האָב געמאַכט אַ צוויי טריט פאָרויס. ס׳איז געווען אַ ברייטע ראַמפּע — און, ווי קיין מאָל גאָר־נישט, פאָרגעזעצט. ווען כ׳האָב געענדיקט האָט דער

זאָל געהילכט פון אַפּלאָזן. און יידל האָט דערנאָך זיך געשעמט מיר צו קוקן אין די אויגן אַריין.

דאָ אין עסצימער האָבן זיך געטראָפן, נאָך לאַנגע יאָרן, צוויי וואָס האָבן געלערנט צוזאַמען אין חדר: פראָים „ציצל״ (אַזוי האָט מען אים גערופן, ווייל ער האָט געהאַט אַ דינעם לאַנגן וואַרצל, ביים לינקן אויער) און איטשע ראָזענצוויג. פראָים איז געפאָרן קיין קאָלומביע, „מאַכן געלט״. ער האָט געפּעדלט און אַהיים געשיקט דעם ווייב אַמעריקאַנער דאָלאַרן און איר געשריבן, זי זאָל קויפן הייזער. האָט זי אַזוי געטאָן; שפּעטער איז ער אַהיים געקומען מיט אַ גרויסער אפּותיקא, האָט ער געקויפט נאָך הייזער און זיך געעפנט אויף דער וויטפּורניע (אַ פאָרשטאָט) אַ געשעפט פון בוי־מאַטעריאַלן און פאַרבן. פראָים איז שטענדיק געווען פאַריאָגט, פאַרפלאָגט. ער האָט נישט געהאָט קיין צייט צו לעבן. מיט וואָס פאַראַ אוילן און מיט וואָס פאַראַ פאַרבן ער האָט געהאַנדלט, זיינען געווען סימנים אויף זיינע קליידער, הענט און פּנים.

איטשע ראָזענצוויג איז אויך אַוועקגעפאָרן פון שטעטל קיין וואַרשע שטודירן און איז געוואָרן אַ בוכהאַלטער. ער איז געווען ריין און ציכטיק געקליידט, אין אַ וויס העמד מיט מאַנקעטן. ווען איטשע האָט אים געגעבן שלום עליכם מיט זיין ריינער האַנט און מאַניקורטע נעגל, האָט זיך פראָים געשעמט צו דערלאַנגען זיין האַנט, וואו עס זיינען איינגעוואַקסן אויל און אַלערליי פאַרבן און אונטער די נעגל — שוואַרץ ווי בלאָטע.

האָט אים איטשע געפרעגט: „וואָס שעמסטו דיך?״

„כ׳וויס? דו זעסט דאָך אויס אַזוי ווי אַ לאָרד...

און דו לעבסט דיר אַזוי ווי אַ קייסער... איך קאָן

מיר דאָס נישט דערלויבן, אפילו נישט חלומען וועגן דעם״.

„פראָים, איך פאַרמאָג דאָך נישט דיין מיסט. דו האָסט הייזער און געשעפטן און איך פאַרמאָג נישט מער ווי מיינע צען פינגער — כ׳בין אַ פּראָלעטאַריער. זאָג מיר: ווער לעבט — איך צי דו? ווער איז רייך — איך צי דו? קוק אָן מיינע מלבושים און קוק אָן דיינע מלבושים. איך פאַר אַצינד אויף אָפּרו קיין זאַקאָפּאַנע, האָב איך דאָ אָפּגעטראָטן זיך זען מיט מיינע עלטערן, שוועסטער און ברידער. דו ביסט שוין אַמאָל געווען אין זאַקאָפּאַנע? איך פאָר יעדעס יאָר. איך אַרבעט און כ׳פאַרלעב אַלצדינג, וואָס כ׳פאַרדין און דו האָסט מאַיאָנטקעס און ווילסט האָבן נאָך און נאָך. לעב! פאַר וועמען האָרעוועסטו? פאַר דעם טייוול! פאַר די אַנטיסעמיטן! זיי וועלן דיר דאַנק־באַר זיין! פאָלג מיך: פאַרקויף אַלע דיינע הייזער, פאַרלאָז די געשעפטן און פאָר קיין ארץ־ישראל. קויף דיר דאָרטן באָדן און בוי הייזער. דאָרטן, נאָר דאָרטן זאָלסטו בויען! דאָ וועט פאַר דיר גאָרנישט בלייבן. מיט דיין געלט קענסטו שיין לעבן. שיין לעבן אין ארץ־ישראל. ווען איך פאַרמאָג דיין קאַפּיטאַל, בלייב איך נישט איין שעה אין פּוילן, צווישן די חיהשע אַנטיסעמיטן״.

פראָים האָט געזען, אַז איטשע איז גערעכט און ער האָט געטראַכט, וואָס צו ענטפערן, אָבער עס האָט זיך אַריינגעמישט חיים זלאָטאָוויטש, אַ זון פון נאָטע דעם גאָלדשמיד, וואָס מען האָט אים גערופן „נאָטע גנב״, ווייל וואָס מען האָט אים געגעבן צו פאַרריכטן — אַ פינגערל, אויערינגלעך, אַ בראַנזלעט, אָדער אַ

קיטל — האָט ער צוגעגנבעט דאָס גאָלד. אין בעסטן פאַל, האָט ער אַראָפּגעגנבעט אַ שטיקל. אָט דער חיים איז געווען אַ שניידער־געזעל, אַ קאָמוניסט, וואָס האָט אין די פינצטערע נעכט אויפגעהאָנגען רויטע פענד־לעך אויף די עלעקטרישע דראָטן. האָט זיך דער חיים אָנגערופן: „יידן דאַרפן נישט קיין אייגן לאַנד. עס וועט באַלד קומען אַ צייט מיט אַ וועלט אָן גרענעצן, מיט איין פאָלק, מיט איין שפּראַך. מיר יידן דאַרפן זיך פאַראייניקן מיט אַלע פאַרשקלאַפטע אַרבעטער און פּויערים, זיך באַפרייען פון קאַפּיטאַליזם און אין איינעם בויען דעם סאָציאַליזם. זעט, ווי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד לעבן אַלע פעלקער בשלום און בויען צוזאַמען דעם סאָציאַליזם. „פּראָליטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך״, זאָגט קאַרל מאַרקס״.

האָט זיך אָנגערופן כיל „באָבע״, אַ יונגערמאַן פון די אָנהויב צוואַנציקער יאָרן. „באָבע״ האָט מען אים גערופן, ווייל פון קינדווייז אָן האָט ער געלייענט. אין חדר, ווען די יינגלעך האָבן זיך געשפּילט אָדער זיך אַרומגעשלאָגן — האָט ער געלייענט די מעשיות פון ספר הישר, שפתי חכמים, בית יהודה, פירוש לתורת משה, וואָס זיינען געדרוקט אין חומש, אָדער גאָר די צאינה וראינה. היינט שלינגט ער יעדעס בוך, יעדע צייטונג, יעדן זשורנאַל — לייענען איז זיין פאַרגעניגן. האָט זיך כיל „באָבע״ אָנגערופן: „וואָס זאָגסטו, פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך דאָס האָט מאַרקס געזאָגט? און איך זאָג: פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פע! ריייניקט אייך! וואָס פאַרשטייען זיי? וואו האָבן זיי שכל? אַז מענטש איז נאָך אַ חיה. די ערשטע קריסטן זיינען געווען יידן. קריסטוס האָט דען שלעכט געמיינט? האָבן זיך זיינע יידישע

תלמידים אַוועקגעלאָזט צו די גוים, כדי אין איינעם צו באַפרייען די וועלט. נו? האָבן די גוים פאַרקריפּלט קריסטוסעס לערע. וויפיל מיליאָנען יידן האָבן זיי שוין אויסגעהרגעט אין נאָמען פון קריסטוסן? און וויפיל קריסטלעכע דענאָמינאַציעס זיינען שוין פאַר־ראַנען, וואָס הרגענען זיך אויס איינער דעם אַנדערן אין נאָמען פון קריסטוסן? איך בין זיכער, אַז יידן וועלן האָבן אַזאַ „נחת" פון זייער זון קאַרל מאַרקס, ווי זיי האָבן פון זייער זון ישוע הנוצרי און די מאַרקסיס־טישע דענאָמינאַציעס וועלן זיך אויך אויסהרגענען. נאָר די ערגסטע כפרה וועלן זיין מיר יידן; איך בין פאַר סאָציאַליזם, נאָר אין אַן אייגן לאַנד, אין ארץ ישראל".

ענטפערט אים מיין טאַטע, ר' טוביהלע: ווען משיח וועט קומען, און ער קאָן קומען יעדע מינוט, וועלן אַלע יידן גיין קיין ארץ ישראל און די טויטע, וואָס וועלן זוכה זיין, וועלן זיך קוילערן אונטער דער ערד קיין ארץ־ישראל. יעדער ייד, וואָס פאַרפעלט נישט אין זיין לעבן צו עסן מלוה מלכה, בלייבט פון אים אין זיין קבר אייןביינדל און, אַז משיח וועט קומען, וועט פון דעם ביינדל צוריק ווערן אַ קערפּער. עס וועט זיין תחית המתים און זיי וועלן זיך קוילערן אונטער דער ערד קיין ארץ־ישראל". „איר" — ווענדט ער זיך צו חיים זלאָטאָוויטש — „איר זאָגט סאָציאַליזם? איר ברענגט ראיות פון קאַרל מאַרקס און לענין? סאָציאַ־ליזם איז ביי אונדז יידן נישט קיין נייעס. אונדזערע נביאים זיינען געווען די ערשטע סאָציאַליסטן. דאָס איז אַ גוטע און שיינע אידייע. טאַקע אַ יידישע אידייע. מיט וועמען ווילט איר איינפירן סאָציאַליזם? מיט פּאַיאַק, דעם חזיר־קיילער? אָדער מיט איזעק, דעם מעסער־

שטעכער? מיט די אַרבעטער און פויערים, וואָס שיכורן און שלאָגן די ווייבער? מיט די נואפים, שיכורים, גנבים, אַנטיכעמיטן און מערדער? ניין, מיר יידן וועלן צווישן זיי קיין מאָל נישט געפינען קיין רו, ווייל מיר יידן זיינען אַנדערש און זיי קענען אונדז נישט פאַרשטיין. דער סאָציאַליזם, קאָמוניזם און דער אַנאַרכיזם זיינען יידישע אידעאַלן, וואָס געפינען זיך אין אונדזערע הייליקע ספרים. אפילו יידן, קענען דאָס נישט איבערנעמען, ווילט איר, אַז דער היינטיקער גוי זאָל דאָס פאַרשטיין און איינפירן? דער מענטש וועט בכלל קיין מאָל נישט ראוי זיין צו לעבן לויט די כללים פון די אידייען, אַכיבע משיח וועט קומען און די גאַנצע וועלט וועט אויסגעלייזט ווערן פון היינטיקן מענטש".

חיים זלאָטאָוויטש האָט אים געוואָלט ענטפערן. נאָר דאָ איז אַריינגעקומען פון געוועלב מיין זיידע, ר' נתן, קעמענדיק מיט די פינגער זיין שיינע, ברייטע באָרד, איז ער צוגעגאַנגען צום לאַנגן דעמבענעם טיש, מיט די דיקע געשניצטע פיס אויבן אָן, וואו עס איז געווען אויסגעשפרייט אַ וויס טישטוך, וואו עס איז געלעגן: אַ גאַנץ קיילעכדיק קאָרן־ברויט, אַ „וואָכעדיק" מעסער, דאָס פערלמוטערנע שבת קודש־מעסער, האָט מען גאָר גענוצט שבת און יום־טוב. וואָכעדיקע לעפל און גאָפל, אַ פוטערניצע מיט מאַרגאַרין און אַ „שלעדזשיק", וואו עס איז געלעגן אַ געמאַכטער „אוליק", צעשניטן אויף קליינע „פיקלעך". דער „אוליק" האָט פאַרשמעקט די שטוב. אַרום דעם טיש זיינען געשטאַנען ווינער שטולן, אויבן אָן איז געשטאַנען פאַר דעם זיידן אַ „פאָטער־שטול": אַ ברייטער, געבעטער־שטול, מיט אַ הויכן אָנלען, באַצויגן מיט ברוינעם לעדער. קיין מאָל האָט זיך קיינער נישט

דערוועגט אַנידערצוזעצן אויף דעם פּאַטער־שטול. ער איז תמיד געשטאַנען לייִיק, אויב דער זיידע איז נישט אויף אים געזעסן.

דער זיידע זיצט אַצינד אויף זיין פּאַטער־שטול און מאַשקע, זיין טאָכטער, האָט אים צוגעטראָגן אַ ווייס האַנטוך, אַ ווייסע שיסל, וואַסער אין אַ קופּערנעם שע־פּער, מיט צוויי אויערן. דער זיידע וואַשט זיך צום עסן, באַגיסט פריער די לינקע האַנט, דערנאָך די רעכטע און מאַכט הויך די ברכה: „על נטילת ידים", און מען ענטפערט אים: „אָמן!" דער זיידע איבער־שטרייכט מיטן מעסער ס׳ברויט, לייגט אַנידער ס׳מע־סער, הייבט אויף ס׳ברויט מיט ביידע הענט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ צום הימל, מיט צוגעמאַכטע אויגן מאַכט ער מיט כוונה די ברכה: „המוציא לחם מן הארץ", און מען ענטפערט: „אָמן!" ער האָט אָנגעהויבן ס׳ברויט און ער האָט דערפילט, אַז ס׳שניידט זיך עפּעס לייכט, האָט זיך זיין פּנים פאַרקרימט. ער האָט געוואָלט איינטונקען אין זאַלץ דעם אָפּגעבראָ־כענעם ביסן פון דער מוציא, איז ס׳זאַלץ־מעסטל גע־געוועזן ליידיק. האָט ער געזאָגט: „מלח, נו, אָ, מלח". ווייל מ׳טאָר נישט אַרויסרעדן נאָך דער ברכה, ביז מען עסט נישט אויף אַ כזית ברויט, אויסער אויף לשון־קודש. האָט מאַשקע גיך געברענגט זאַלץ. ווען ער האָט אַראָפּגעשלונגען דעם כזית האָט ער געזאָגט: „מאַשקעשי, מיין ליב קינד, איך זע, אַז דו האָסט היינט אָפּגעשאַרפט ס׳מעסער ביים מעסער־שאַרפער. חלילה, דו זאָלסט דאָס נאָך אַ מאָל טאָן. אין אַ יידיש הויז טאָר זיך נישט געפינען אַ שאַרף מעסער".

„פאַרוואָס, טאַטעשי?"

„ווייל טאָמער פאַלט ווער אַריין אין רציחה, קען ער כאַפּן דאָס שאַרפע מעסער און חלילה ווערן...״ האָט ער מורא געהאַט אַרויסצוזאָגן.

„גוט, טאַטעשי, כ׳וועל שוין מער נישט לאָזן אָנ־שאַרפן״.

„געדענק, מיין ליב קינד, אין אַ יידיש הויז טאָר זיך נישט געפינען קיין שום שאַרפע זאַך״.

דער זיידע האָט גענומען אַ האַמער און געקלאַפּט אויף דער שאַרף פון מעסער, ביז ס׳איז געוואָרן טעמפּ.

דער עולם, וואָס האָט פריער דיסקוטירט, האָט פאַרלאָזט די שטוב און די משפחה האָט זיך אויסגע־זעצט ביים טיש צום עסן.

דער זיידע האָט גענומען אַ קליין ציבעלע און אָפּ־געשניטן אַ שטיקל צום הערינג און געזאָגט: „אַ ייד טאָר נישט אָנהייבן אַ ציבעלע מיט אָפּשניידן דעם קאָפּ, איבערהויפּט, ווען ער עסט נישט באַלד אויף די גאַנצע ציבעלע. מען דאַרף אַזוי נאָך אָפּשניידן צו שטיקלעך, ביז מען זאָל ביים לעצטן שטיקל צוקומען צום קאָפּ; מען טאָר נישט אַוועקלייגן אַ ציבעלע מיט אַן אָפּגעשניטענעם קאָפּ״.

אַזוי ווי זיין בן־יחיד, „יידעלע מיטן פידעלע״, איז שוין אַראָפּ פון דרך הישר — ער האָט אַוועקגע־וואָרפן די גמרא, לייענט טריפע פסולס, האָט דער זיידע מורא: ער זאָל חלילה וחס נישט אויפהערן דאַ־ווענען, לייגן תפילין, וואַשן זיך צום עסן און אַוועק־וואַרפן אַנדערע יידישע טראַדיציעס. זאָגט דער זיידע, אַז יידעלע זאָל הערן: „אַ ייד טאָר נישט אָנהייבן אַ גאַנץ ברויט סתם אַזוי. ער מוז זיך וואַשן און מאַכן

אַ ברכה און ערשט דערנאָך אָנהייבן. אַ ייד טאָר נישט אַוועקוואַרפן קיין שטיקל ברויט און קיין שום שפּייז נישט, וואָס דאָס איז גאָטס פּראַצע״.

ייד האָט מען דעם בן־יחיד אָנגערופן, ווייל מען האָט אים נישט געטאָרט אַ נאָמען געבן, ווייל ס׳איז נישט פאָרגעקומען קיין ברית מילה. זעקס ייִנגלעך זיינען ביי דער באָבען געשטאָרבן פון מל זיין. האָט דער פשיסכער רבי דאָס זיבעטע געהייסן: נישט מל זיין. טראַכט דער זיידע: עך קען נאָך רחמנא לצלן ווערן אַ פאָלנער גוי. אָנשטאָט ייד האָט מען אים גערופן יידל. אַזוי ווי ער איז געווען אַ פידל־שפּילער, האָט מען אים גערופן: „יידעלע מיטן פידעלע״.

יידל איז געוואָרן קורצזיכטיק פון אַ סך לערנען. נעמט ער אַראָפּ די ברילן, נעמט זיי צו צום מויל און הויכט אַרויף פּאַרע, ווישט זיי אויס מיטן עק טישטעך און זאָגט: „נו, יאָ, טאַטעשי, מ׳טאָר גאָרנישט איבערלאָזן אין טעלער. פאַראַן אַ ווערטל ביי יידן: „באָדיי דער בויך זאָל פּלאַצן, אַבי גאָטס פּראַצע זאָל נישט קאַליע ווערן״.

דער זיידע האָט געקוקט מיט אַ מינע, וואָס האָט געזאָגט: חוזקט ער מיין בן־יחיד, צי מיינט ער ערנסט? נאָר די באָבע האָט געשמייכלט.

ווען יידעלע „מיטן פידעלע״, האָט שבת אָפּגעלערנט פּרק ביי זיין מלמד אין חדר. ער איז שוין געווען אַ בר מצווה־בחור, האָט ער מיר, דעם נאָך נישט בר־מצווה־ייִנגעלע, געגעבן אַהיים צו טראָגן דאָס סידורל, ווייל ס׳איז נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין עירוב אין שטעטל, האָט מען נישט געטאָרט טראָגן. מיר זיינען צוזאַמען אַהיים געגאַנגען. ווען מיר זיינען צוגעקומען צום זיידנס הויף, וואו ס׳איז געווען אַן עירוב,

האָט ער מיר געזאָגט: „אַצינד קאָנסטו גיין". האָב איך אים דערלאַנגט דאָס סידורל. האָט ער מיר געזאָגט: „לייג אַנידער אויף דער ערד". האָב איך מורא געהאַט צו באַגיין אַן עבירה, ווייל איך האָב געוואוסט טאָמער אַ סידור פאַלט אַראָפּ אויף דער ערד, אָדער אפילו אויף דער פאָדלאָגע, איז אַן עבירה, מוז מען אויפהייבן און אַ קוש געבן. האָב איך אים נישט געפאָלגט, האָט ער מיר נאָך אַ־מאָל און נאָך אַ מאָל געהייסן אַזוי טאָן און צוגעגעבן: „דאָס איז דער מנהג". איך האָב אויסגעפירט זיין ווילן מיט מורא, ווייל כ'בין געווען זיכער, אַז כ'באַגיי אַן עבירה און דאָס האָט מיך געפלאָגט יאָרן.

(ביים שרייבן די דערציילונג האָב איך געפאָרשט פון וואַנען עס שטאַמט דער דאָזיקער מנהג: פון ערשטן בית המקדש? פון גלות בבל? פון נאָך גלות בבל? נאָך חורבן בית שני? פון גלות ספרד? צי פון גלות אשכנז? איך האָב געפרעגט אָרטאָדאָקסישע רבנים פון ליטע, פון גאַליציע, פון אונגאַרן. זיי האָבן בכלל נישט געוואוסט פון דעם מנהג. איין ייד פון ישראל, אַ תלמיד־חכם, האָט מיר געזאָגט, אַז דער מנהג ווערט געבראַכט אין די משנה עירובין: אַז מען נעמט פון דער האַנט, איז אַזוי ווי מען וואָלט אַליין געטראָגן — איז כדי מען זאָל נישט מעביר זיין אויפן עירוב, אַז מען הייבט אויף פון דער ערד, איז אַזוי ווי מען וואָלט געפונען. הייסט עס, אַז דער מנהג שטאַמט פון דער משנה צייט, אָדער נאָך פון פריער.)

ווען מען האָט אַריינגעצויגן עלעקטרע אין שטעטל האָט מיין פעטער מענדל אויסגעפועלט: מען זאָל אויף די עלעקטרישע סלופּעס, לעבן די עלעקטרישע

דראָטן, אויך ציען אַן עקסטרע דראָט פאַר אַן עירוב.

אַ גאַנץ פעליק יאָר איז ביי מיין זיידן יעדעס מאָלצייט געווען ממש אַ הייליקייט, איבערהויפּט אין די שבתים און יום־טובים. אַלע נאָך נישט אויסגעגעבענע קינדער האָבן געמוזט זיצן ביים טיש. דער זיידע זיצט אויבן־אָן אַזוי ווי אַ מלך. קיינער רירט זיך פריער נישט צו צו אַ מאכל, ביז דער זיידע האָט נישט גענומען עסן. די באָבע זיצט אין דער מיט טיש אַזוי ווי אַ מלכה. מאַשקע, וואָס פירט די באַלעבאַטישקייט, טראָגט אַלצדינג צו צו דער באָבען. די באָבע טיילט אויס אויף טעלער פון אַ שטויס כלים, וואָס שטייט לעבן איר: ס׳ערשטע דעם זיידן, דערנאָך די קינדער אין ריי לויט דער עלטער. דאָס פלייש ברענגט מאַשקע אַריין אויף אַ גרויסער קיילעכדיקער טאַץ. טאָמער איז אַ קינד נישט געזעסן ביים טיש, ווייל ס׳איז ערגעץ אַוועקגעפאָרן, כאָטש זי האָט עס געדענקט, איז שטענדיק געבליבן דעם קינדס פּאָרציע.

דער זיידע האָט געהאַט צוויי־און־דרייסיק אייניקלעך. חנוכה, פורים און שמחת תורה האָט ער פאַר זיי געמאַכט אַ סעודה. זיינען אַלע זיך צוזאַמענגעקומען און ער האָט זיי געגעבן חנוכה־געלט און שלח־מנות.

די באָבע ליבע האָט זיך געפירט אַזוי: אַז ס׳איז אַריינגעקומען אַן אָרעמע פרוי, האָט זי זיך אַליין געוואַשן צום עסן און אָנגעהויבן אַ גאַנץ ברויט, כדי זי זאָל זי נישט אַרויסלאָזן אַ הונגעריקע. אַז ס׳איז אַריינגעקומען אַן אָרעמאַן, האָט זי אים געהייסן זיך וואַשן צום עסן און אים מכבד געווען מיט אָנהייבן ס׳ברויט. פון אַכט אין דער פרי, ווען מען האָט אויפגעעפנט דאָס געוועלב, זיינען געווען אָפן די איינגאַנגען פון

ביידע זייטן, צוליב די אָרעמע לייט וואָס זיינען געגאַנגען איבער די הייזער. פון ניין אין דער פרי זיינען שוין די אָרעמע לייט אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער. אין געוועלב האָט דער זיידעשי געגעבן פינף גראָשן (אַנדערע האָבן געגעבן איין גראָשן). אָרעמע־לייט זיינען דאָ געגאַנגען אַ סך, דאָס זיינען געווען מדינה־גייער פון איבער גאַנץ פוילן. ווי נאָר דער אָרעמאַן האָט אין געוועלב באַקומען די נדבה, איז ער באַלד אַריינגעגאַנגען אין הויף, און דאָ איז געווען ברייט אויפגעפראַלט די טיר, וואָס האָט אים אַריינגעבעטן. און מאַשקע האָט דעם אָרעמאַן אָדער אָרעמע פרוי באַלד געפרעגט: „וואָס זענט איר, מילכיק צי פליישיק?" כדי זי זאָל וויסן וואָסער עסן צו געבן — מילכיקס אָדער פליישיקס; נאָך עסן פליישיקס מוז מען וואַרטן זעקס שעה, כדי צו מעגן עסן מילכיקס.

איין מאָל אין דער פרי האָב איך אַזינס געזען: דער זיידע איז געווען אין געוועלב, די באָבע האָט אָפּגעזאָגט מודה אני און קריאת־שמע. זי האָט זיך געוואַשן צום עסן און אָנגעהויבן אַ גרויס קיילעכדיק ברויט און געגעסן אַ כזית. זי האָט אַנדערגעשטעלט פינף מילכיקע טעלער אויפן טיש, וואו די קינדער דאַרפן זיצן און אויסגערופן די נעמען: פאַר חנטשע איטע, פאַר מאַשקע, פאַר ציפּטשע (ציביה), פאַר מלכה און פאַר יידל; זי האָט אָפּגעשניטן פינף מוציאס די גרויס פון ברייטן קיילעכדיקן ברויט, אַנידערגעלייגט אויף די טעלער און געגומען אָנשמירן מיט פּוטער. ווען זי האָט געענדיקט שמירן די ערשטע מוציא, איז אַריינגעקומען אַ מדינה־גייערין, וואָס זי האָט נאָר־וואָס געקראָגן אַ נדבה פון זיידן אין געוועלב, און זי האָט איר אַוועקגעגעבן די מוציא. די פרוי האָט צו־

גענומען און אַוועקגעגאַנגען. האָט די באָבע אָנגע־
שמירט די צווייטע מוציא און ביים אַנידערלייגן אויפן
טעלער איז אַריינגעקומען נאָך אַ מדינה־גייערין, האָט
די באָבע געגעבן אַ פרומען ציטער טראַכטנדיק: גאָט
האָט די הונגעריקע אַריינגעשיקט, און האָט איר גע־
געבן די מוציא. אַזוי האָט זיך דאָס איבערגעחזרט
אין יענעם אין דער פרי זעקס מאָל. דאָס קאָן טאָן נאָר
אַן אמתער ירא שמים. און דאָס איז געווען מיין באָבע
ליבע, ר׳ מענדל פעלדמאַנס שוועסטער.

* * *

ווען אַ פויער האָט איינגעקויפט מאַטעריאַל צו
בויען אַ כאַלופּע האָט מיין זיידע אויס רחמנות אים
גערעכנט דעם ביליגסטן פּרייז. ווען דער פויער איז
אַהיימגעפאָרן איז אים אויסגעקומען דורכצופאָרן דורך
אַ ייד, וואָס האָט אויך געהאַט אַן אייזן־געשעפט, האָט
ער אים אָפּגעשטעלט, אויסגעפרעגט באַזונדער אויף
יעדן שטיקל מאַטעריאַל וויפיל ער האָט באַצאָלט. דער
פויער האָט אים תמימותדיק געענטפערט. האָט ער אים
געזאָגט: „איך וועל דיר פאַרקויפן יעדעס שטיקל מיט
אַזויפיל און אַזויפיל ביליגער". ער האָט עס אים אַוועק־
געגעבן אונטערן פּרייז. דער פויער האָט צוריק אויס־
געדרייט דעם וואָגן, צוריקגעפאָרן צו מיין זיידן, צוריק־
גענומען ס׳געלט און געקויפט ביי דעם צווייטן ייד.
אַצינד האָט ער טאַקע צו אים צוגעלייגט, אָבער שפּע־
טער האָט ער שוין פון אים געשונדן די הויט. דער
דאָזיקער ייד איז שנעל רייך געוואָרן.

ווען פון שטעטל איז געוואָרן אַ שטאָט איז דער
דאָזיקער ייד געלעגן אויף די כיפּאָטיקן (מאָרגעדזשעס)
פון יעדן נייעם הויז. ער איז אַן גוזמה געוואָרן אַ

מיליאָנער. ער האָט געהאַט אַ שם, אַז ער וויל נישט געבן אַ נדבה. אַז ס׳איז צו אים ערב פּסח אַריינגעקומען אַ בלוטיקער אָרעמאַן און אים געזאָגט: „העלפט מיר, איך האָב נישט אויף פּסח, איר ווייסט דאָך אַז כ׳בין אַ מטופּל פון זעקס קינדער". האָט ער אים געענטפערט: „איציקל איין פויגל קען קיין זומער נישט מאַכן". און „כאַמולע, איין פויגל קען קיין זומער נישט מאַכן". און דער אָרעמאַן איז אַוועק אַ פאַרשעמטער.

איין אידעם זיינער, אַ גוטער בעל־תפילה, האָט געלעבט פון אויסבאָרגן געלט אויף פּראָצענט. אים האָט מען געמוזט אויך צאָלן פּראָצענט פאַר דעם וואָקסנדיקן פּראָצענט — אַנדערש האָט ער נישט געבאָרגט; אַזוי־אַ־נאָך האָט ער געזויגן דאָס בלוט פון די קליינע סוחר־רימלעך; ער איז געוואָרן אַלץ רייכער און רייכער, און זיי — אַלץ אָרעמער און אָרעמער.

מען האָט דעם מיליאָנער געבעטן ער זאָל זיין קאַפּיטאַל אַריבערפירן קיין ארץ־ישראל, אָבער ער האָט נישט געפאָלגט. עפּעס אַ קליין געוועלבל פון אייזנוואַרג האָט זיינס אַ קינד געעפנט אין ארץ־ישראל, וואָס איז אויסגעוואַקסן אַ גרויס געשעפט פון בוי־מאַטעריאַלן. דאָס איז געבליבן פון זיין גרויסן קאַפּיטאַל.

די דייטשן האָבן אים מיט זיין גאַנצער משפחה קינדער און אייניקלעך נעבעך אויף אַן אַכזריותדיקן אופן דערמאָרדעט. מען ווייסט נישט וואו זייער געביין איז אַהינגעקומען. זיינע קאַפּיטאַלן האָבן די דייטשן און די פּאָלאַקן צוגערויבט.

*   *   *

ר׳ מענדלס פֿאַבריק האָט געאַרבעט אויף דער גאַנצער פּאַרע. די געשעפֿטן זיינען גוט געגאַנגען. ווען די בוכהאַלטערס האָבן זיך געבראָכן די קעפּ ביי אַ שווערן חשבון, האָבן זיי זיך געווענדט צו ר׳ לייזער גמרא מלמד, און ער האָט דעם שווערסטן חשבון געמאַכט אין עטלעכע מינוט.

ר׳ מענדלס שוואָגער, ר׳ בינעם בעריש, וואָס האָט געאַרבעט ביי ר׳ מענדלען אין ביוראָ, האָט אויך די שווערסטע חשבונות געמאַכט אין עטלעכע מינוט און אַלץ אויפֿן קאָפּ, נישט אויפֿן פּאַפּיר. ר׳ בינעם בעריש איז געווען אַ גאון. אַ סך שטעט האָבן אים געוואָלט אויפֿנעמען פֿאַר אַ רב, אָבער ער האָט נישט געוואָלט זיין אָפּהענגיק פֿון קיינעם. ער האָט גאַנץ ש״ס געקענט אויסווייניק און אויך כמעט די גאַנצע פּוילישע קלאַ־סישע ליטעראַטור.

ר׳ מענדל האָט נאָך מער פונאַנדערגעבויט די פאַבריק און צוגענומען אַ דירעקטאָר, אַ דייטש, מיטן נאָמען עלטסטער, אַן אַנטיסעמיט, וואָס האָט אין אַ קורצער צייט דורך אַ בלבול צוגעמאַכט די פאַבריק און רואינירט ר׳ מענדלען. דער בלבול איז געווען, אַז ר׳ מענדל טיילט נישט ערלעך צו די פאַרדינסטן זיין שותף, דעם פאָליאַק גראַבינסקי. עלטסטער האָט נישט געקענט צוזען דעם יידנס מלכות און געוואָלט אים אין גאַנצן רואינירן. ער האָט צוגעמאַכט די פאַבריק. ר׳ מענדל האָט נאָך געהאַט פון וואָס צו לעבן: פון זיינע הייזער אין וואַרשע און אין בערלין. אַלץ אין פאַבריק איז געוואָרן פאַרחתמעט: סיי די מאַשינען, סיי די רויע און סיי די פאַרטיקע סחורה. עלטסטער איז אַוועקגעקומען וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט, און די צוויי שותפים האָבן זיך פּראָצעסירט.

גראַבינסקי האָט אָנגעשטעלט אַדוואָקאַטן און ר׳ מענדל האָט זיך אַליין פאַרטיידיקט. ער האָט נאָר געהאַט איין געהילף־אַדוואָקאַט, ד״ר מאַיער פון ראַדאָם. ר׳ מענדל האָט אַליין געשריבן די ביטעס און אומעטום אַליין זיך פאַרטיידיקט. ער האָט גוט געקענט רוסיש און פויליש, אַחוץ יידיש און לשון קודש. דער ערשטער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין סקאַרזשיסק, וואָס האָט געדויערט עטלעכע טעג. גראַבינסקיס אַדוואָקאַטן פון וואַרשע האָבן איינגעלייגט וועלטן צו געווינען דעם פּראָצעס. ר׳ מענדל האָט אויפגעוויזן ווי ער האָט כסדר פאַרגרעסערט די פאַבריק פאַרביידע שותפים. דעם פערטן טאָג אין אָוונט האָט ר׳ מענדל באַקומען דאָס לעצטע פאַרטיידיקונג־וואָרט. ער האָט צונישט געמאַכט און אומגעוואָרפן די גאַנצע באַשולדיקונג קעגן אים. ער האָט דאָס געטאָן מיט פאַקטן. דאָס גאַנצע

שטעטל יידן איז געווען פאַרזאַמלט אַרום געריכט צו וויסן וואָס פריער דעם אורטייל. אינדרויסן איז געווען פינצטער, נאָר פון די אָפענע פענצטער פון געריכט־זאַל, וואו עס איז פאַרגעקומען דער משפט, האָט אַרויס־געלויכט. מען האָט געהערט ר׳ מענדלס פאַרטיידי־קונג.

צווישן די יידן האָט געהערשט אַ שטימונג ווי ביי נעילה. מען האָט באַוואונדערט ר׳ מענדלס שיינעם פויליש, מיט זיין אויסשפּראַך און זיין ריכטיקע פּוילישע אינטאָנאַציע. ער האָט געבראַנגט אמתע פאַקטן און לאָ־גישע אַרגומענטן. ער האָט גערעדט מיט האַרץ. ר׳ מענדל האָט געוואונען דעם פּראָצעס. די פרייד פון די יידן און דער גרעסטער טייל פון נישט־יידן אין שטעטל איז געווען אין לשער. אָבער גראַבינסקי האָט אַפּעלירט. דער פּראָצעס איז פאַרגעקומען אין ראַדאָם. אויך דאָ האָט ר׳ מענדל זיך אַליין פאַרטיידיקט און ווידער גע־וואונגען. האָט גראַבינסקי געמאַכט אַן אַקעסאַציע אין העכסטן געריכט אין וואַרשע. ר׳ מענדל האָט זיך ווי־דער אַליין פאַרטיידיקט און איז אַרויס אַ זיגער.

די פאַבריק, אַלע הייזער, פעלדער און טייכן, זיינען געבליבן זיינע. אָבער צו „אוראַכאָמיע״ (לאָזן אין גאַנג די פאַבריק) האָט זיך געגויטיקט זייער אַ סך געלט. סקאַרזשיסק און די אומגעגנט האָט געבענקט נאָך דעם שיינעם בוצער פון דער פאַבריק, וואָס האָט זיי אויפגעוועקט אין דער פרי און צוועלף אין מיטן טאָג זיי גערופן עסן מיטאָג און איינס צוריקגיין צו דער אַרבעט און פיר אויפצוהערן אַרבעטן; דער אַנטי־סעמיט עלטסטער האָט דעם שיינעם בוצער שטום גע־מאַכט אויף אייביק.

* * *

דאָ האָט זיך געמאַכט: דער אַלטער רב אין שטעטל איז פּלוצלונג נפטר געוואָרן. האָבן יידן צו־געמאַכט די געוועלבער, באַלמעלאָכעס האָבן אַוועקגע־וואָרפן די אַרבעט, מלמדים האָבן פונאַנדערגעלאָזט די תלמידים. רבנים זיינען געקומען פון די אַרומיקע שטעטלעך צו דער לוויה. נאָך דער טהרה, האָט מען דעם נפטר געבראַנגט אין בית המדרש אַריין, מען האָט אים געמאַכט אַ הספד און מען האָט אים געטראָגן אויפן בית עולם אויף די ליזשוועס, וואָס געפינט זיך עטלעכע קילאָמעטער פון שטעטל, און מ׳האָט אים מקבר געווען.

סקאַרזשיסק איז געבליבן אָן אַ רב; ווי לאַנג קענען שעפסן זיין אָן אַ פּאַסטעך? האָט מען אָנגעהויבן זוכן אַ רב. ר׳ מענדל פעלדמאַן האָט ביי זיך באַ־שלאָסן, ס׳איז פּאַסיק, אַז זיין אידעם, ר׳ מרדכילע, אַן איש תמים, אַ גרויסער תלמיד חכם, וואָס זיצט יומם ולילה איבער די ספרים און אַ זון פון אַמשי־נאָווער רביך, און ער זיצט שוין ביי אים אויף קעסט קרוב צו פופצן יאָר, אַז ער דאַרף ווערן רב אין שטעטל. געוואוסט האָט ר׳ מענדל, אַז קיינער איז נישט אַ נביא אין זיין שטאָט און, אַז ער וועט דאָ האָבן אַ שווערן משא ומתן מיט די „שיינע יידן" פון אַלעקסאַנדרעווער שטיבל — סוחרים, בעלי פרנסות, וואָס ווילן אַ רב אַ הדרת פנים — ברייט און הויך געוואַקסן מיט אַ שיינער, ברייטער, לאַנגער, גרויער באָרד, וואָס זאָל אַרויסרופן דרך־ארץ. ר׳ מרדכילע איז נאָך כמעט גע־

ווען אַ יונגערמאַן, אין די אָנהייב דרייסיקער יאָרן, אַ שמאָלער פון פּראַווען תּעניתים, אַ מיטלוואוקסיקער מיט אַ קורץ שמאָל בערדל, אָן איין גרויע האָר און לאַנגע געקרייזלטע פּאות. צוויי נאָך מיטאָג האָט ער געפרישטיקט: אַ שטיקל טרוקן ברויט מיט אַ ציבעלע, אָדער אַ רעטעכל, וואָס ער פלעגט אַלעמאָל אַרויסרייסן פון ר׳ מענדלס גאָרטן.

האָט זיך ר׳ יענדל געוואָנדן צו די האַנטווערקער, וואָס מען האָט זיי גערופן „האַנטוועגעלעך”. זיי האָבן געהאַט אַ פּאַריק. די באַלעמעלאָכעס זיינען געווען די מערהייט אין שטעטל און ער האָט צו זיי געזאָגט: „ס׳איז שוין צייט, איר ,,אַנטווערקער, זאָלט אויך ווערן געשעצט ווי מענטשן, איר דאַרפט האָבן אייער אַן אייגענע באַנק — אַ „האַנטווערקער באַנק”. איך וועל אייך געבן צען טויזנט זלאָטעס, מיט דעם וועט איר עפענען אַן אייגענע באַנק. פאַר דעם זאָלט איר שטימען פאַר מיין מרדכילען, ער זאָל זיין רב אין שטעטל, און צוויי יאָר וועט אים די גמינע גאָרנישט דאַרפן צאָלן. איך וועל אים אויסהאַלטן אַזוי ווי אַלע יאָרן”

די באַלעמעלאָכעס האָבן זיך אין דעם אָנגעכאַפּט: צען טויזנט זלאָטעס, אַ „האַנטווערקער באַנק”, נישט דאַרפן צאָלן ציגזן גאַנצע צוויי יאָר אויסצוהאַלטן דעם רב. אַ גליק פאַר די אָרעמע לייט.

דער געלער שניידער, הערשל וואָלאָסקי, איז געווען אַ פּאָלקיסט, אַ קאָך־לעפל און אַ מאַכער ביי די „האַנטוועגעלעך”. ער האָט אַמאָל געהאַט געשאַפן אַ יידישע פאָלקסשול, וואו די לערן־שפּראַך איז געווען יידיש און מען האָט געלערנט אין די בלויזע קעפּ. (די שול איז טאַקע געווען אין מענדל פעלדמאַנס אַ הויז).

נאָר זי האָט זיך געהאַלטן פֿון אסתר תענית ביז פּורים. ער האָט זיך דאָס אַריינגעוואָרפֿן אין דער אַגיטאַציע, אָן די באַלמעלאָכעס זאָלן שטימען פֿאַר ר׳ מרדכילען און די רעשט האַלב שטעטל יידן איז באַשטאַנען פֿון ר׳ מענדל פעלדמאַנס משפּחה.

אויך הערש בער פעלדמאַן, וואָס מען האָט אים גערופֿן „האַ בע פּע״, מיט אַקצענט אויף פּע!, אַ געוועזענער לאַטעק און טויבן־כאַפּער. ער האָט גערעדט אונטער דער צונג. ער איז יונגערהייט געוואָרן אַ יתום און האָט זיך דערצויגן אין דער גאַס און זיך אויסגעלערנט אַביסל שניידעריי. שפּעטער האָט ער זיך געעפֿנט אַ שניידעריי מיט אייגענע סחורות. אַזוי ווי ער האָט זיך אַרויפֿגע־אַרבעט, איז ער אויך געוואָרן אַ מאַכער ביי די „האַנט־ווערקער״. ער האָט אָפֿן געהאַלטן ס׳געשעפֿט אין שבת, נישט געפֿירט אַ כשר הויז און נישט געדאַוונט. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן יצר הרע צו ווערן אַ פֿירער ביי יידן. נישט ווי און נישט ווען האָט ער זיך אַרומגעריסן מיט זיינע געזעלן, ווייל זיי האָבן זיך נישט געלאָזט צופֿיל אויסנוצן פֿון אים און דער פּראָפֿעסיאָנעלער שניידער־פֿאַריין האָט אַרויסגערופֿן ביי אים אַ שטרייק און נישט איין מאָל האָט ער אַריינגעכאַפּט קלעפּ פֿון זיינע אַר־בעטער.

יעדעס מאָל ווען האַ בע פּע! האָט געענדיקט עסן דאָס מיטיק, האָט ער איין זיך אַריינגעגאָסן עטלעכע קופֿלעס ביר. נאָך יעדן שלונג ביר האָט ער אַרויסגע־שטופּט דעם בויך און געפּרייכט אַזוי ווי אַ גאַנדז און געפֿרעגט זיין ווייב: „נו, האָב איך שוין אַ בייכל? כ׳מיין אַ בויך! דרך ארץ וועט מען האָבן פֿאַר מיר, ווייל איך האָב שוין אַ בויך. כ׳זע שוין אויס ווי אַ בורזשוי, האַ?״ און ער האָט געהאַלטן אין איין אַרויסשטופּן דעם

בויך און לויזער מאַכן דעם רימען פון די הויזן. מען האָט אויך געשמועסט אין שטעטל, אַז ער האָט די „פראַנצן" (ווענערישע קראַנקהייט). אַזוי ווי ער האָט זיך עפּעס אַנגעהערט מיט די משפחה פעלדמאַאַן, האָט ער געוואָלט האָבן אַ רב אין דער משפחה — האָט ער אויך צוליב דעם אַגיטירט פאַר ר' מרדכילען און דער־ווייל געהאַט די געלעגנהייט צו וויזן, וואָס פאַראַ רעד־נער ער איז. דעם לעצטן זונטיק פאַר די וואַלן האָט ער גענומען זיין לערן־ייִנגל, חיים „ביק", אַזוי האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן, ווייל ער איז געווען אַ דיקער, אַאַן אויסגעפרעסענער פון אַ סך פלייש — ער איז געווען אַ קצבס אַ זון. און זיי זיינען אַוועק צום בית־המדרש. חיים ביק האָט מיטגעבראַכט אַ טישל. האַ בע פּע! איז אַרויפגעקראָכן אויפן טישל און ער האָט געהאַלטן אַן אַגיטאַציע־רעדע פאַר ר' מרדכילען און ער האָט פאַרענדיקט מיט: „זאָל לעבן די ליסטע נומער צוויי!" און חיים ביק האָט פרייליך נאָכגעשריגן: „זאָל לעבן! זאָל לעבן!" האַ בע פּע! האָט אַ וואָרף געגעבן אַביסל צעטעלעך מיטן נומער 2 צו זיינע צוהערער, שרייענדיק: „זאָל לעבן! זאָל לעבן!" זיינע צוהערער האָבן זיי געכאַפּט און אָפּגעענטפערט: „זאָל לעבן! זאָל לעבן!" האַ בע פּע! האָט זיך אַצינד געפילט העכער פון זיינע צוהערער, זייער פירער.

זייך חלום צו זיין אַ פירער ביי יידן, וואָס ער האָט נישט געקאָנט דערגרייכן ביי יידן, האָט ער דער־גרייכט ביי היטלערן: די דייטשן האָבן אים געמאַכט פאַר דעם „יודען ראַטלער", איבער די יידן אין שטעטל. ער האָט מער געפייניקט די יידן ווי די דייטשן גופא. אָבער זיין סוף איז געווען זייער אַ טרויעריקער: די דייטשן האָבן אים אָפּגעצאָלט פאַר זיין געטרייען דינען

זיי. זיי האָבן אים פּאַרפּייניקט אין די קעלערן פון דער געשטאַפּאָ אין קעלץ.

*   *   *

די חסידים פון אַלעקסאַנדערער שטיבל זיינען נישט געשלאָפן. זיי האָבן טאַקע געוואָלט האָבן אַ רב, אַן עלטערן ייד, אַ הויכן, אַברייטן מיט אַ שיי־נער לאַנגער ברייטער גרויער באָרד, ער זאָל אַ ,יס־רופן דרך ארץ, נישט ווי ר׳ מרדכילע מיט אַ שמאָל בערדל און נאָך אַ יונגערמאַן.

נישט ווייט פון סקאַרזשיסק איז דאָ אַ שטעטל סטאַשעוו, דאָרטן איז געווען אַזאַ ייד מיט אַזאַ שיינער באָרד. ביי אונדז אין שטעטל האָט מען אים גערופן „סטאַשעווער רב״. דעם ייד האָט מען אָנגערעגט נישט געוואָלט אויפנעמען פאַר רב, און אומעטום האָט ער אָנגעמאַכט מחלוקת, אַז עס האָט געברענט אַ פייער. אָט דעם ייד האָבן דאָס די אַלעקסאַנדערער געוואָלט אויפנעמען פאַר אַ רב אין שטעטל. זיי האָבן אים אַראָפּגעבערענגט אויף אַ שבת. ער איז געווען אינגאַנצן להיפּוך פון ר׳ מרדכילע. אַזוי ווי ר׳ מרדכילע איז געווען תמימותדיק, איז ער געווען אַ כיטראַק; אַזוי ווי ר׳ מרדכילע איז געווען אַ שווייגער איז ער געווען אַ ריידעוודיקער; אַזוי ווי ר׳ מרדכילע איז געווען רוח־ניותדיק — אַזוי איז ער געווען גשמיות. ער איז אויך געווען אַ בעל מנגן. ער האָט געזונגען אַזעלכע ניגונים, וואָס מען האָט דאָס ערשטע מאָל געהערט אין שטעטל. ער האָט פריילעך געמאַכט די יידן, ער האָט מיט זיי געזונגען און געטאַנצט. ס׳ערשטע האָט ער זיי אויס־געלערנט מיט אַ לעבעדיקן התלהבותדיקן ניגון: „וטהר לבנו לעבדך באמת, לעבדך לעבדך באמת״.

ביים טאַנצן זיינען זיי אַריין אין אַזאַ עקסטאַז, אַז זיי האָבן אָפּגעטאַנצט ממש שעהן לאַנג.

צווייטנס, האָט ער געזונגען דבקותדיק דעם פּסוק: „הן גאלתי אתכם אחרית כראשית להיות לכם לאלוהים". און דעם פּסוק, מיט דעם טרויעריקן מיס־טישן ניגון, האָבן זיי געקענט ציען שעהנווייז.

ער האָט געפירט אַ רבישן טיש און יעדעס ווייב פון אַ חסיד האָט געשיקט אַ קוגל. עס האָבן זיך גע־שאַפן צוויי שיטות אין שטעטל: „פעלדמאַנאָווצעס" און „סטאַשאָווצעס". האָבן זיך די פעלדמאַנאָווצעס גע־ווּיצלט, אַז „די פּיוולניצע האָט פאַרקויפט על פּי טעות ריצנאייל צו די קוגלען אָנשטאָט בוימל. זיינען נעבעך די ,סטאַשאָווצעס' געלאָפן א גאַנצע וואָך דאָרטן, וואו דער קייסער קאָן קיינעם נישט שיקן". און נאָך אַנ־דערע וויצן, האָבן די „פעלדמאַנאָווצעס" געשאַפן אויף די „סטאַשאָווצעס". און די „סטאַשאָווצעס" האָבן אויך געשאַפן וויצן אויף די „פעלדמאַנאָווצעס". מערקוויר־דיק, די ניגונים פון די סטאַשעווער זיינען שנעל אי־בערגענומען געוואָרן פון די „פעלדמאַנאָווצעס" און מען האָט זיי געזונגען און אויסגעטאַנצט מיט גרויס התּ־להבות ביי ר' מענדל פעלדמאַנען אין שטיבל.

די עטלעכע מתפּללים פון ר' מענדלס שטיבל, וואָס זיינען געוואָרן „סטאַשאָווצעס", זיינען איבערגע־גאַנגען אין אַלעקסאַנדרעווער שטיבל.

ס'האָט ממש געברענט אַ פייער אין שטעטל: די „סטאַשאָווצעס" האָבן געאַסרט דאָס פליש פון די קצבים פון די „פעלדמאַנאָווצעס", און פאַרקערט; איי־נער דעם צווייטן איז געוואָרן אַ בלוטיקער שונא. בקיצור: עס זיינען פאָרגעקומען וואַלן אין אַ זונטיק.

דאָס גאַנצע שטעטל יידן איז געגאַנגען כאַדראַם. איי־
נער דעם צווייטן האָט אַגטירט. אויף דער נאַכט, נאָכן
איבערציילן די שטימען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ר׳
מרדכילע האָט געזיגט מיט אַ גרויסער מערהייט. די
פרייד ביי די „פעלדמאַנאָוצעס״ איז געווען אין לשער
און די „סטאַשאָוצעס״ זיינען געבליבן פאַרשעמט. מען
האָט זיך מיט זיי געריצט, אָפּגעחוזקט און אויסגע־
לאַכט. און זיי האָבן באַלד אָנגעגעבן אַ מסירה צו
דער רעגירונג, אַז די וואַלן זיינען געפעלשט געוואָרן.
אָבער דער קאַסטן, וואו עס זיינען געלעגן די אָפּגע־
געבענע שטימען איז פאַרפּלאָמבירט געוואָרן און איז
אָפּגעשיקט געוואָרן אין דער וואָיעוואודסטווע.

* * *

כדי די דורכגעפירטע וואַלן זאָלן זיין כשר פאַר
דער רעגירונג, האָט געמוזט אָוועקגעשיקט ווערן אַ
באַריכט צו די וואָיעוואודסטווע, אַז די וואַלן זיינען
דורכגעפירט געוואָרן כשר וישר און דאָס האָט גע־
מוזט אונטערגעשריבן ווערן פון פּרעזעס פון דער
קהילה, וואָס איז געווען מאָשקע פּעפּער. מאָשקע איז
געווען אַן אָנגעפּרעסענער ייד מיט אַ בייכל און מיט
אַ שיינער, ברייטער, לאַנגער, רויטער באָרד. ער איז
געווען אַן אַלעקסאַנדערער חסיד און דער גרעסטער
קעגנער פון ר׳ מרדכילען. ר׳ מאָשקע, איז געווען אַ
דורכגעטריבענער פּאָליטיקאַן, אַ טישזיצער ביים
אַלעקסאַנדרעווער רבין. פון וואַנען ער האָט געצויגן
פּרנסה איז פאַר יעדן געווען אַ סוד. ער איז דאָך
געווען אַ „שיינער ייד״, האָט ער געטאָן די שענסטע
שידוכים מיט זיינע קינדער, וויל מען האָט זיך דאָך
ביי אים געוואָלט איינקויפן אין יחוס. איין מאָל האָט

ער קאַנדידירט ווי סענאַטאָר אויף דער ליסטע פון די אַלעקסאַנדערער חסידים. נאָך גער איז אַלעקסאַנדרעוו געווען די שטאַרקסטע דינאַסטיע ביי יידן אין פוילן.

האָט ר׳ מענדל פעלדמאַן אַליין אָנגעשריבן דעם געהעריקן באַריכט אַזוי און אַזוי: „די וואַלן זיינען דורכגעפירט געוואָרן כדת וכדין, לויט דער קאָנסטי־טוציע פון דער פוילישער רעפובליק און מאָרדקאָ מאַר־גענשטערן איז דער ראַבין אין סקאַרזשיסק״. און דאָס האָט דער פּרעזעס פון דער יידישער גמינע, ר׳ מאָשקע, געדאַרפט אונטערשרייבן. ר׳ מענדל פעלדמאַן האָט געוואוסט מיט וועמען ער האָט צו טאָן, ער האָט אים געקענט דורך און דורך.

ר׳ מענדל פעלדמאַן האָט אַריינגערופן זיין גמרא־מלמד, ר׳ אברהם פּאַלאַסעדסקי. ער האָט אים געגעבן דעם מעמאָראַנדום מיט צוויי טויזנט זלאָטעס און ער האָט דעם ליטוואַק אָנגעזאָגט: „צוויי ביינאַכט, ווען דאָס שטעטל וועט שלאָפן, זאָל ער אַהינגיין צו מאָשקע פּעפּער, ער זאָל אים אויפוועקן און אים זאָגן: „אויב ער וועט אונטערשרייבן דעם מעמאָראַנדום באַקומט ער אויף דער האַנט צוויי טויזנט זלאָטעס״.

צוויי ביינאַכט. עטלעכע שעה נאָך דער אסיפה פון די אַלעקסאַנדרעווער, וואָס האָט באַשלאָסן, אַז ער, ר׳ מאָשקע בכבודו ובעצמו, זאָל אָנשרייבן די געהעריקע מסירה וועגן די וואַלן. האָט דער ליטוואַק אָנגעקלאַפּט אין פענצטער פון ר׳ מאָשקעס שלאָפצימער. ר׳ מאָשקע האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענער: „קטאָ טאַם?! ווער איז דאָרט?!״

„איך, אברהם פּאַלאַסעדסקי. שרעקט איך נישט, ר׳ מאָשקע. עפנט אויף און לאָזט מיך אַריין. איך האָב אייך זייער וויכטיקס צו זאָגן״.

ר׳ מאָשקע האָט זיך דערפריײט: מסתם עפּעס אַ וויכטיק מסירהלע קעגן מענדל פעלדמאַנען, וואָס ווערט צונויף־קומען צו דער מסירה. וואָס איז באַשלאָסן גע־וואָרן ער זאָל היינט אָנשרייבן. מיט פרייד האָט ער אויפגעעפנט די טיר און אים אַריינגעפירט אין שלאָף־צימער.

„נו, וואָס זאָגט איר עפּעס גוטס, ר׳ אברהם?״ האָט ער אים געפרעגט מיט אַ שמייכעלע

„ר׳ מאָשקע, קיין יליד איש ווייסט נישט, אַז איך בין ביי אייך. לאָמיר עס מאַכן שנעל: ר׳ מענדל פעלד־מאַן האָט מיט מיר געשיקט אַ מעמאָראַנדום, אַז די וואַלן זיינען כשר און זיינען פאָרגעקומען כדת וכדין. איר דאַרפט נאָר אונטערשרייבן און איר באַקומט פון מיר אויף דער האַנט צוויי טויזנט זלאָטעס״.

ר׳ מאָשקע האָט גענומען דעם מעמאָראַנדום נעענ־טער צום נאַכט־לעמפל, וואָס איז געשטאַנען אויפן שענקעלע. ער האָט אים נישט דורכגעלייענט און אונ־טערגעשריבן. דער ליטוואַק האָט אים געגעבן די צוויי טויזנט זלאָטעס.

דאָס וויב האָט זיך געבייזערט מיט אַ סודות־דיק קול:

„מאָשקע, וואָס טוסטו?! וואָס וועלן זאָגן די אַלעקסאַנדרעווער, כ׳מיין די ,סטאַשאָווצעס׳?!״

„שאַ, בהמה! דו האָסט צוויי טעכטער חתונה צו מאַכן!״

„מאָשקע, וואָס וועט זאָגן קהל?״

„קהל, שמאָל — אַ סטאַדע בהמות! ס׳אַנדערע, דו קאָנסט דיך פאַרלאָזן אויף דיין מאָשקען. קיינער וועט פון דעם נישט וויסן, אַחוץ אונדז און דער רבונו

על עולם, וואָס ער אַליין האָט מיר דאָס צוגעשיקט. עס וועט אפילו קיין האָן נישט אַ קריי טאָן. און איר, ר׳ אברהם, — האָט ער געזאָגט צום ליטוואַק — גייט לחיים טובים ולשלום. השם יתברך זאָל העלפן, עס זאָל נאָר זיין שלום ביי יידן און מיר זאָלן גאָר אין גיכן זוכה זיין צו הערן שופר של משיח, אָמן! אַ גוטע נאַכט, ר׳ אברהם״.

ר׳ אברהם האָט זיך געאיילט. ער איז געלאָפן צו ר׳ מענדלען.

באַלד צומאָרגנס האָט ר׳ מענדל פעלדמאַן אַליין אַהינגעפירט דעם מעמאָראַנדום קיין קעלץ און אי־בערגעגעבן אין די ריכטיקע הענט אַריין, און ר׳ מרדכילע איז געוואָרן רב אין סקאַרזשיסק.

און ר׳ מאָשקע האָט געהאַלטן אין איין אָפּשלעפּן מיט אָנשרייבן די מסירה. ער האָט געזאָגט די „סטאַ־שאָווצעס״: „יעדעס וואָרט וועט זיין אַרויסגעוואָרפן, ווייל ר׳ מרדכילע איז שוין נעבעך באַשטעטיקט גע־וואָרן פון דער רעגירונג צו זיין רב אין סקאַרזשיסק. ווי אַזוי קאָן יאָך גיין קעגן מלכות? דאָס איז אַ הימל־זאַך, דעריבער מוז מען שלום מאַכן מיטן גורל, ווייל אַזוי איז זיין ווילן. אָן דעם רבונו של עולמס ווילן מאַכט זיך גאָרנישט. לאָמיר זוכה זיין אַקעגן צו גיין משיחן. אָמן!״

* * *

אין ר׳ מענדל פעלדמאַנס שטיבל האָט געדאַוונט אַ נידעריק יידל, מיט אַ ברייטער, לאַנגער, קאָלטענע־וואַטער באָרד. מען האָט אים גערופן ברוכל טאַלנער, ווייל ער איז געווען אַ טאַלנער חסיד. כל ימיו האָט ער געוואוינט בחינם אין פיר צימערן, אין ר׳ מענדלס

אַ הויז. ר׳ מענדל האָט אים אויך אויסגעהאַלטן מיט פּרנסה. ער האָט געהאַט דריי זין און דריי טעכטער. ביים דאַווענען איז ער געשטאַנען אָנגעלענט אָן דער וואַנט נאָענט צום עמוד, אַראָפּגעצויגן דעם פּאַר־שווייסטן גרויסן וואָלענעם טלית איבערן פּנים. אין מיטן דאַווענען האָט ער געקנאַקט מיט די פינגער, גע־פּאַטשט זיך אין שטערן, געכאַפּט מיט אויסגע־שטרעקטע הענט מלאכים אין דער לופט, געקלאַפּט אין שולחן, געטופּעט מיט די פיס אין דער פּאָדלאָגע און אויסגעשריגן יעדע עטלעכע מינוט: „אַי־אַי־אַי! אַ־אַ־אַי!“ ר׳ ברוכל איז געווען אַ תלמיד־חכם און אַ גרויסער קבצן. ר׳ מענדל פלעגט מיט אים צוזאַמען לערנען אַ בלאַט גמרא. זיי פלעגן צוזאַמען שפּאַצירן און שמועסן. מיט איין וואָרט, זיי זיינען געווען חברים. ר׳ מענדל האָט שוין צוגעזען, אַז ברוכל זאָל האָבן אויף שבת און יום־טוב און זאָל חלילה אויך נישט הונגערן אין די וואָכן טעג;

שפּעטער האָט אים ר׳ מענדל אַן עצה געגעבן, ער זאָל מאַכן ברויט־קוואַס. יידן וועלן קויפן דעם גע־טראַנק. ער האָט געפאָלגט און ער האָט פון דעם גע־האַט פּרנסה בריווח;

שפּעטער, ווען דאָס שטעטל איז געוואָרן גרעסער און מען האָט שוין נישט געהייצט די אויוונס בלויז מיט האָלץ, נאָר אויך מיט קוילן, האָט ר׳ מענדל פעלד־מאַן געזאָגט צו ר׳ ברוכלען: „הער, ברוכל: אַזוי ווי אין מיין פאַבריק אַריין קומען אַן גאַנצע צוגן מיט קוילן, וועל איך דיר געבן אַ מתנה אַ גאַנצן וואַגאָן קוילן. איך וועל דיר אויפשטעלן אַ שאָפּע ביי דיר אויפן הויף און דו וועסט האָבן אַ סקלאַד מיט קוילן. דיינע טעכטער זיינען שוין אונטערגעוואַקסן, מען דאַרף

זיי חתונה מאַכן. ביי דעם מסחר וועט דיר גאָט העלפן — אַ וואַגאָן קוילן איז נישט אַ פּלעשל קוואַס. וועסט פאַרקויפן דעם וואַגאָן קוילן, וועסטו שוין אַליין קע־נען קויפן דעם צווייטן וואַגאָן קוילן א. א. וו. און וועסט האָבן פּרנסה בריווח". און אַזוי איז טאַקע געווען. ר' מענדל האָט אים געשטעלט אויף די פיס. און ער האָט נאָך אַלץ ניט גענומען ביי אים קיין דירה־געלט: נישט פאַר דער וואוינונג און נישט פאַר דעם כקלאַד. און פאַר דעם וואַגאָן קוילן האָט ר' מענדל קיין מאָל נישט פאַרלאַנגט, ער זאָל אים באַצאָלן.

ר' ברוכל איז שיינע יאָרן געווען דער איין־און־איינציקער קוילן־סוחר אין שטעטל און ער האָט גע־מאַכט גאָר גוטע געשעפטן. וויל גוים און יידן האָבן געמוזט ביי אים קויפן.

* * *

ווי נאָר ר' מענדל האָט פאַרגעשלאָגן, אַז ר' מרדכילע זאָל ווערן רב אין שטעטל, האָט ר ברוכל פאַרלאָזט ר' מענדלס שטיבל און איז אַריבער דאַווענען אין אַלעקסאַנדער שטיבל און האָט מיט זיין גאַנצן ברען געקעמפט קעגן ר' מענדלען פאַר דעם סטאַשעווער. ער איז געוואָרן אַ דם שונא פון ר' מענדל פעלדמאַן, כאָטש ער האָט אים אַזויפיל גוטס געטאָן. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין קאַמף מיט זיין גאַנצער חסידי־שער התלהבות קעגן ר' מענדלען. ווען ער האָט גע־זען, אַז ער האָט פאַרשפּילט, אַז ר' מענדל האָט גע־וואונען און זיין ר' מרדכילע איז געוואָרן רב אין שטעטל — האָט ער דאָס נישט געקענט איבערהאַלטן און געוואָלט נקמה נעמען אָן ר' מענדל פעלדמאַן. איז ער אַריינגעפאָרן קיין קיעלץ צום שלעדיוואַטעל און פאַרמסרט ר' מענדלען מיט די ווערטער: „דער פאַן

מענדל פעלדמאַן איז אַ גנב.. איך בין אַן עדות: ווען די פאַבריק איז געגאַנגען, האָט ער באַגנבעט זיין שותף דעם פאַן גראַבינסקי. ווען ס׳איז איין מאָל אָנגעקומען אַ צוג מיט קוילן אין דער פאַבריק אַריין, האָט ער צו־געגנבעט אַ גאַנצן וואַגאָן קוילן און מיר אַוועקגעגעבן״.

האָט מען ר׳ מענדלען אויפגעפאָדערט צום שלע־דיוואַטעל קיין קינצק און מען האָט אים פאַרגעלייענט די מסירה. מען האָט געוואָלט קעגן אים פאַרפירן אַ קרימינעלן פראָצעס. מען האָט אים געפאָרשט. נאָר ער איז דאָך עפּעס געווען ר׳ מענדל פעלדמאַן דער חכם, האָט ער זיך אַרויסגעדרייט. איין מאָל האָט ער געזאָגט: „אַלע צרות האָב איך איבערגעטראָגן. אָבער די נבלה וועט מיין קראַנק האַרץ נישט איבערטראָגן״. און זיין קראַנק האַרץ איז פון דעם טאַקע נאָך קראַנ־קער געוואָרן; ר׳ ברוכל טאַלנער האָט נאָך אַלץ געוואוינט אין ר׳ מענדל פעלדמאַנס הויז אָן דירה־געלט און געפירט דאָס קוילן־געשעפט. און ר׳ מרדכילע איז געזעסן אויף זיין כסא הרבנות ביז די נאַציס זיינען באַפאַלן פוילן.

* * *

ר׳ מענדל פעלדמאַן האָט שוין זיינע פאַבריקן מער נישט געקאָנט „אוראָכאַמיען״ (לאָזן אין גאַנג). דאָרטן איז געווען אַזאַ אויהוז, וואָס האָט געמוזט שטענ־דיק ברענען. אויב ער איז אויסגעלאָשן געוואָרן, האָט מען שוין אים מער נישט געקענט איינהייצן. די משפטים אין די געריכטן האָבן זיך געשלעפּט יאָרן. די האַלב־פאַרענדיקטע סחורות זיינען קאַליע געוואָרן, די מאַשינען זיינען פאַרראָסטעט געוואָרן. עס איז גע־בליבן שטיין אַ חורבה — אַ טויטער קאַפּיטאַל; דאָס איז געבליבן פון ר׳ מענדלס מי און מאַטערניש. און

ר׳ מענדל האָט געזאָגט: „אַ יידישער מאַיאָנטעק אין גלות קאָן נישט לאַנג דויערן, העכסטנס איין דור אָדער צוויי דורות״.

*　*　*

ר׳ מענדל פעלדמאַן האָט אויספּלאַנירט צו עפענען אַ פאַבריק אויסצואַרבעטן שטאָלענע קאַסקעס. פאַר דעם איז נישט נויטיק קיין גרויסע פאַבריק און די רעגירונג נויטיקט זיך אין דעם: פאַר די פייערלע־שער, מיליטער און פּאָליציי. אָבער ער האָט אויף דעם נישט געהאַט דאָס געלט (געלעבט האָט ער פון דירה־געלט פון זיינע הייזער אין וואַרשע און אין בערלין). האָט ער זיך געוואָנדן מיט אַ בקשה צו דער פוילישער רעגירונג נאָך אַ הלוואה פון הונדערט טויזנט זלאָטעס. ער איז גרייט געווען צו צאָלן דעם העכסטן פּראָצענט. כאָטש די פאַבריק איז נויטיק געווען פאַר דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד, דאָך האָבן די פוילישע אַנטיסעמיטן אָפּגעוואָרפן זיין בקשה.

*　*　*

אַ יידן טאָן אַ טובה, איז ר׳ מענדל פעלדמאַן גרייט געווען צו גיין אין פייער און וואַסער. איין מאָל איז ר׳ מענדל געקומען צו פאָרן מיט דער באַן, איז ער געווען צוגעקילט. זיין פורמאַן האָט אים אָפּגעוואַרט מיט זיין, ר׳ מענדלס, דראָשקע, און ער האָט אים אַהיימגעפירט. דאָ האָט אויף אים געוואַרט אַ ייד אַן אָרעמאַן, וואָס האָט קוים געצויגן זיין בידנע שטיקל ברויט פון אַ קליין קרעמל. דער פוילישער סקאַרב האָט אים געשטעלט אַזעלכע הויכע פּאָדאַטקעס (צינזן) צו צאָלן, וואָס דער ייד האָט דאָס גאַרנישט פאַרמאָגט.

דער סעקוועסטראַטאָר (מאַרשאַל) האָט אים קאָנפיס־קירט דאָס ביסל סחורה, וואָס איז נישט געווען זיינס, ווייל ער איז פאַר דעם שולדיק דאָס מעבל. די שבת־דיקע מלבושים, די לייכטער און דאָס מעבל פון זיין כלה מיידל, וואָס גייט אַצינד חתונה האָבן. פּרייטיק אויפן מאַרק וועט פאַרקומען די ליציטאַציע, וואו די גוים, די אַנטיסעמיטן, וועלן אָפּקויפן פאַר גראָשנס דאָס יידישע האָב און גוטס, וואָס ס׳איז אָנגעקומען מיט שוויס און בלוט: „ראַטעוועט מיך, ר׳ מענדל, ווייל כ׳וועל בלייבן אַ בלוטיקער אָרעמאַן״. האָט זיך דער ייד צעוויינט.

„זאָרגט נישט״ ר׳ נחמיהלע. גיט מיר די פּאַפּירן. אין דריי־פערטל שעה אַרום גייט אָפּ אַ צוג קיין קינצק און ביז מנחה וועל איך נאָך באַווייזן מיט גאָטס הילף צו דערליידיקן פאַר אייך אין סקאַרב״. און צום גוי, דעם פורמאַן, האָט ער געזאָגט: „בילסקי, שפּאַן נישט אויס דאָס פערד, פיר מיך גלייך צו דער באַן״. דער ייד איז אַהיימגעגאַנגען אַ דערפרייטער אָנזאָגן זיין ווייב די גוטע בשורה. ר׳ מענדל האָט זיך נאָר גע־זעגנט מיט זיין ווייב און קינדער און איז אַ פאַרקילטער, מיט היץ, געפאָרן קיין קינצק אין סקאַרב אַריין. ער האָט דעם ייד אָפּגעראַטעוועט. ער האָט אים אויסגע־קויפט פאַר אַ ביסל געלט און מען האָט אַראָפּגענומען די קאָנפיסקאַציע. ר׳ מענדל האָט זיך אויפן וועג שטאַרקער צוגעקילט און ער איז אַהיימגעקומען מיט הויכן פיבער און אַ שטעכעניש אין דער לינקער זייט. מען האָט גערופן אַ דאָקטאָר און ער האָט פעסטגע־שטעלט אַ לונגען־אָנצינדונג. די דאָקטוירים האָבן אַלצדינג אָנגעוואָנדן אים צו ראַטעווען, אָבער צייט ר׳

ברוכלס מסירה איז זיין האַרץ שטאַרקער קראַנק גע־וואָרן און ער האָט נישט אויסגעהאַלטן.

פאַר זיין פּטירה האָט ער צונויפגערופן אַלע זיינע קינדער און ער האָט צו זיי אַזוי געזאָגט: „עס איז געקומען מיין צייט צו גיין אויפן עולם האמת. דאָ איז אַן עולם השקר פון רשעים, משוגעים און נאַראָנים, מיט זייער ווייניק חכמים. איך ווייס, אַז איך לאָז קיינעם נישט איבער. קיינער פון אייך וועט נישט פאַרזעצן מיינע דרכים און דאָס טוט מיר שטאַרק וויי... אָבער פאַר יידן האָט זיך מיר יאָ איינגעגעבן אייך מגדל צו זיין... זייט־זשע גוטע און ערלעכע יידן און איר זאָלט תמיד זיין גרייט צו העלפן מענטשן"... ער האָט געשעפּטשעט מיט צוגעמאַכטע אויגן ווידוי און ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה.

* * *

שרעקלעך האָט געווירקט דער טויט פון ר' מענדל, יידן און גויים, קליין און גרויס האָבן אים באַוויינט. אַן אָרעמע פּוילישע אלמנה איז צוגעקומען צום פּלויט פון פאַן פּעלדמאַנס גאָרטן, זיך געריסן די האָר פון קאָפּ און יאָמערלעך געוויינט: „אָ, יעזוס מאַריאַ! דער פאַן פּעלדמאַן איז געשטאָרבן! באָזשע [גאָט], פאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן? ווער וועט אַצינד העלפן מיר מיט מיינע יתומימלעך?" זי האָט דערציילט: „ווען זי איז געבליבן אַן אלמנה מיט פיר יתומים האָט זי דער מאַן איבערגעלאָזט אָן איין גראָשן. ער האָט אַלץ פאַר־קרענקט. איז זי געגאַנגען אין מאַגיסטראַט אַריין נאָך זאַפּאָמאָגע [רעליף], האָט מען זי יעדן טאָג געהייסן קומען מאָרגן און איין באַאַמטער האָט זי געשיקט צום

צווייטן און זי מיט די קינדער האָבן געליטן פון הונ־גער. איין מאָל נאָך אַזאַ באַהאַנדלונג איז זי געבליבן שטיין ביים אַריינגאַנג פון מאַגיסטראַט און זי האָט זיך צעוויינט אויפן הויכן קול. דאָ איז דער פּאַן פעלדמאַן אַרויסגעקומען פון מאַגיסטראַט און ער האָט מיך גע־פרעגט מיט רחמנות: „פאַרוואָס וויינט די פּאַניע?" האָב איך אים אַלצדינג דערציילט. דער פּאַן פעלדמאַן איז דאָך געווען דער ערן בורמיסטזש (מעיאָר), האָט ער אַרויסגענומען אַ נאָטיץ־ביכעלע, מיך געפרעגט ווי איך הייס, ער האָט עפּעס אויפגעשריבן און זיך אונ־טערגעשריבן. ער האָט אַרויסגעריסן דאָס בלעטל, מיר געגעבן און געזאָגט: „גיי שוין אַריין צום בורמיסטזש און גיב אים דאָס צעטל". איך האָב אַזוי געטאָן און איך האָב באַלד באַקומען זאַפּאָמאָגע און איך באַקום זי נאָך. אַצינד ווער וועט מיר העלפן, אַז דער פּאַן פעלדמאַן לעבט שוין נישט?" האָט זי געפרעגט די דורכגייער, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט. און טייל האָבן מיטגעוויינט מיט איר.

* * *

אין טאָג פון ר' מענדלס לוויה זיינען אַלע יידישע און גויאישע געשעפטן געווען פאַרמאַכט. יידן האָבן געזאָגט תהילים. באַלעמעלאָכעס האָבן געלאָזט שטיין די אַרבעט. עס זיינען געקומען צו דער לוויה די שענסטע יידן פון די אַרומיקע שטעט, שטעטלעך און דערפער, אפילו פון וואַרשע. אַלע יידן און גויים פון שטעטל און די אַרומיקע דערפער, אויך די אַלעקסאַנ־דער חסידים — די „סטאַשאָווצעס". די מלמדים האָבן צוגעמאַכט די חדרים און האָבן אויסגעשטעלט די

תלמידים צו פיר אין אַ ריי און זיי האָבן מאַרשירט נישט ווייט פון דער מיטה און געזונגען: „צדק לפניו יהלך וישם לדרך פעמיו״. דער שמש, דער אַלטער יוקל, איז געגאַנגען צווישן די מלווים און געקלונגען מיט דער גרויסער בלעכענער צדקה־פושקע און גע־שריגן מיט אַ לוויה־ניגון: „צדקה תציל ממות!״ און די מלווים האָבן אַריינגעוואָרפן מטבעות. די נושאי המטה האָבן דעם נפטר געטראָגן אין נייעם בית־המדרש אַריין, פון וועלכן ער האָט געהאַט געלייגט דעם ווינקלשטיין און געהאָלפן מיט אַ סך געלט אויפ־צובויען; דאָ זיינען פאָרגעקומען הספדים פון גרויסע תלמידי חכמים. אַלע האָבן אַרויסגעברענגט, אַז ר׳ מענדלס אָרט קאָן קיינער נישט פאַרנעמען, אַז אַזעלכע יידן וועלן מער שוין נישט זיין און אַז די קרוין פון סקאַרזשיסקער יידן איז צוגענומען געוואָרן.

מען האָט דעם נפטר געטראָגן די פיר קילאָמעטער צום בית עולם. יעדער האָט זיך געריסן צו טאָן די מצווה, האָבן די זכיה צו טראָגן אַביסל דעם נפטר. דער טרעגער, בערל יאָסעק, האָט זיך נאָכגעשלעפט פון הינטן מיט זיין געפגרט פערדל און פאַרמעליקטן װאָגן: אפשר וועט דער עולם מיד ווערן צו טראָגן און אַרויפלייגן דעם נפטר אויפן וואָגן. אָבער ער האָט סיי ווי געקריגן באַצאָלט פאַר זיין „יאַזדע״. און טאַקע פאַר אַ גאַנצן טאָג אַרבעט.

די פרישע אלמנה, מיין מומע באַשעלע, די יפת־תואר, איז געגאַנגען הינטער דער מטה, געפירט אונ־טער די הענט פון אירע שוועסטער. זי איז געווען גע־קליידט אינגאַנצן אין שוואַרץ. דאָס פנים איז געווען פאַרדעקט מיט אַ שוואַרצן שאַל. הינטער איר זיינען

געגאַנגען אַלע ר׳ מענדלס קינדער. אַלע האָבן כסדר געוויינט.

ביים אָפענעם קבר האָט גערעדט דער בורמיסטזש (מעיאָר), אַ פּאָליאַק, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. ער האָט דערציילט וועגן דער חכמה פון פאַן פעלדמאַן, די קלוגע פּלענער, וואָס ער האָט פאָרגעשלאָגן אויף די זיצונגען אין שטאָטראַט און „אַז מיר, סאָציאַליסטן, האָבן באַוואונדערט זיין חכמה און אָנגענומען זיינע עצות, ווייל זיי האָבן געהאָלפן פון שטעטעלע סקאַרזשיסק אויפבויען אַ שטאָט און ער האָט אונדז געוויזן, ווי אַזוי צו העלפן די אָרעמע און נויטבאַדאַרפטיקע. דער גרויסער מענטש, דער ייד פאַן מענדעל פעלדמאַן, וועט אונדז זייער פעלן״. צום סוף האָט ער זיך צעוויינט און סיי יידן און סיי גוים האָבן מיטגעוויינט.

דער לעצטער האָט גערעדט דער פּאָליאַק סטעפאַנאָווסקי, דירעקטאָר פון דער גרעסטער אַמוניציע־פאַבריק אין פוילן, וואָס איז דאָ אין די וועלדער אַרום סקאַרזשיסק. ער האָט געזאָגט: „איך גלויב נישט, אַז איר יידן פאַרשטייט, וואָס פאַראַ גרויסן מענטש מיר האָבן אין פאַן פעלדמאַן פאַרלוירן. אַזעלכע מענטשן ווערן זעלטן געבוירן. ער איז געווען אַ געלערנטער אין וועלטלעכקייט און אַ טראַדיציאָנעלער רעליגיעזער ייד. איך האָב ליב געהאַט מיט אים צו שמועסן און נעמען זיינע קלוגע עצות, וואָס האָבן מיר געהאָלפן אין מיין אַרבעט פאַר דעם פאָטערלאַנד. ווען דעם פאַן פעלדמאַנס פאַבריקן זיינען אָפּגעשטעלט געוואָרן, זיינען געבליבן אָן ברויט הונדערטער פּוילישע משפחות און צענדליקער יידישע משפחות. אונדזערע קינדער האָבן זיך געלערנט אין די שקאָלעס אין זיינע הייזער

אַזוי לאַנג ביז מיר האָבן געקענט אויפבויען אייגענע שקאָלעס (שולן). און ער האָט נישט פאַרלאַנגט קיין דירה־געלט. דאָס איז געווען אַ ייד, וואָס האָט געהאָלפן בויען פוילן. ער האָט מיך באַצויבערט מיט זיינע מעשהלעך פון תלמוד און פון דער ביבל. איך קאָן נאָך אַלץ נישט גלויבן, אַז ער לעבט שוין מער נישט. דער מלאך המות איז אכזריותדיק..." ער האָט זיך צעוויינט און נישט געקענט ווייטער רעדן. אַלע האָבן מיטגעוויינט.

יעדער האָט גענומען אַ שפּאַדעל, אים איבערגעדרייט אויף דער פאַרקערטער זייט און מיט אים דריי מאָל אַריינגעשיט ערד אין קבר אַריין. ווען דער קבר איז געווען צוגעשיט, האָבן אַלע ר׳ מענדל פעלדמאַנס זין געזאָגט קדיש, מיט וויינענדיקע און געבראָכענע שטימען. די יידן פון סקאַרזשיסק האָבן שטאַרק געפילט, אַז די קרוין פון זייער קאָפּ איז אַראָפּגעבראָכן געוואָרן.

עטלעכע יאָר שפּעטער איז אין פוילן אַנטשטאַנען אַן אַנטיסעמיטישע רעגירונג. זי האָט געוואָלט איינפירן די נאַצישע נירענבערגער געזעצן לגבי יידן. דער ייד איז נישט זיכער געווען מיטן לעבן. ווען היטלער באַפאַלט נישט פוילן, וואָלטן די פּאָליאַקן אַליין געווען אויסגעהרגעט די יידן. דער יידישער סענאַטאָר לייבעלע מינץ האָט עטלעכע חדשים פאַר דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געזאָגט: „יידן, ס׳איז נישט גוט, מען מוז האָבן אַ מלחמה, אפשר דעמאָלט וועלן די פּאָליאַקן קליגער ווערן". דערנאָך איז היטלער אָנגעפאַלן אויף פוילן און די פּאָליאַקן זיינען נישט קליגער געוואָרן.

אין ניינצן הונדערט צוואַנציקער יאָרן איז נאָך כקאַרזשיסק געווען אַ דאָרף מיט סאָסנאָווע וועלדער, לאָנקעס און פעלדער, וואו ס'איז געוואַקסן קאַרטאָפל, קאָרן, ווייץ און גערשטן. אין טויזנט ניין הונדערט דריי־ סיקער יאָרן האָבן שוין יידן דאָ געהאַט אויפגעבויט אַ שטאָט מיט אַ האַנדלס־צענטער, מיט אַלערליי גע־ שעפטן, מיט גרויסע שוי־פענצטער און הויך שטאָקיקע הייזער, מיט די מאָדערנסטע באַקוועמלעכקייטן. די שטאָט האָט געהאַט אַן ערך זעקס הונדערט יידישע משפּחות. די פּאָליאַקן האָבן געהאַלטן אין איין זאָגן: „זשידקי, די הייזער זיינען אייערע, אָבער די ערד איז אונדזערע".

* * *

די בלוטיקע ליקווידאַציע פון דער סקאַרזשיסקער געטאָ איז פאָרגעקומען אין הושענא רבה, תש"ג, 1942 יאָר. די יידן, וואָס זיינען נישט דערמאָרדעט געוואָרן אויפן אָרט פון דייטשן און אוקראַינער, זיינען פאַרשיקט געוואָרן אין דער טויט־פאַבריק, טרעבלינקע. צען יידן, וואָס זיינען נאָך דער מלחמה צוריקגעקומען פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, האָבן די פּאָליאַקן אין איין נאַכט זיי אָפּגעהאַקט די קעפּ מיט העק. דאָס וואָס יידן האָבן אויפגעבויט איז געבליבן, אָבער קיין איין ייד איז דאָרטן נישט געבליבן. זייער האָב־און־גוטס האָבן צוגערויבט און געירשנט זייערע מערדער.

די דייטשן מיט די פּאָליאַקן און אוקראַינער האָבן דערמאָרדעט ר' מענדלס ווייב, אַלע זיינע קינדער און אייניקלעך. צום רב ר' מרדכילען האָבן די דייטשן

געטאָן דאָס זעלבע, וואָס די רוימער האָבן געטאָן אונ־
טערן קייסער אַדריאַן צום תנא רבי יהודה בן בבא:
זיי האָבן אים צוגעבונדןביים האַלדז מיט אַ שטריק
צום עק פון אַ פערד, און זיי האָבן אונטערגעשמיסן
דאָס פערד עס זאָל זיך צעבריקעווען. דאָס פערד האָט
דעם קדוש געשלעפּט איבער די גאַסן אויף דעם שטיי־
נערנעם ברוק. די פּאָליאַקן האָבן זיך צוגעקוקט, דער
גרעסטער טייל האָט געלאַכט און געהירזשעט פון
גרויס הנאה. אַזוי האָט מקדש השם געווען דער תמי־
מותדיקער, גרויסער תלמיד־חכם און צדיק, ר׳
מרדכילע. מען ווייסט נישט וואו ס׳איז אַהינגעקומען
זייער געביין. דאָס בית־עולם האָבן די פּאָליאַקן אָפּ־
געמעקט. פון ר׳ מענדלס מצבה האָט אַ פּאָליאַק גע־
מאַכט אַ וואַנט פאַר זיין אָפּטריט. פון די אַנדערע מצבות
האָבן די פּאָליאַקן געבויט הייזער און אויסגעפלאַסטערט
די גאַסן.

השם ינקום דמם!

ס ו ף

אַ שאַנק אין געטאָ

הערש זייף איז געווען אַ דאַרער, מיט אַן אויסגעבלייכט לענגלעך פּנים און אויסגעלאָשענע אויגן. ער איז געקומען פון קאַליש קיין לאָדזש און דאָ חתונה געהאַט עטלעכע וואָכן איידער די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן. עס איז אים, מיט זיין ווייב הענטשע, געלונגען אַריינצוראַטעווען אין געטאָ אַריין זייער גאַנצן חתונה־אויסשטייער, אויך צוויי בעטן, אַ טיש מיט שטולן און אַ וועש־שענקל.

הערש זייף האָט אַזוי לאַנג געהאַלטן אין איין לויפן אין דער גמינע נאָך אַרבעט, ביז עס זיינען אים פּאַרמיאַוסט געוואָרן די פּאַר־פּירערישע ענטפערס פון די באַאַמטע און ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דער עיקר זיינען „פּלייצעס" (פּראָטעקציע). און אַצינד ליגט ער אין איין בעט, זי אין צווייטן בעט, כמעט דעם גאַנצן מעת־לעת, פון הונגער און קעלט, פונקט ווי אַלע שכנים דאָ.

זי, הענטשע, איז געווען אַ נידעריקע און אַ שמאָלע, אויך שוין מיט אַ לאַנג אויסגעצויגן פּנים און גרויסע אויסגעלאָשענע, שוואַרצע אויגן. הענטשע איז געווען אַ שטילע ווי אַ טויב. קיינמאָל האָט מען פון איר קיין הויך וואָרט נישט געהערט. זי האָט אין זיך געטראָגן דעם צער פון הונגער און קעלט. ביידע האָבן שטאַרק געגלויבט, אַז די מלחמה וועט זיך אַ ליאַדע טאָג ענדיקן.

ווען די זון איז געגאַנגען העכער און נישט געקאַרגט אירע שטראַלן און האָט זיך אויך באַוויזן ביי זייערע פענצטער, האָבן ביידע אַרויסגעהאָנגען איבער די פענצטער, זייער גאַנצן חתונה־אויסשטייער: הערש זייף׳ס שוואַרצן ווינטערמאַנטל מיט אַ סאַמעטענעם קאָלנער, אַ טונקל בלויע געהאַקטע קאַפּאָטע, און הויזן מיט מאַנקעטן, מיט אַ קנייטש: אַ פּאָר גאַנצע און אַ פּאָר האַלבע שטובלעטן, אַ האַלב־טוץ ווייסע אויבערהעמדער מיט פּיקענע קעלנער, אַ פּאָר ווייכע, לעדערנע שטעק־לאַטשן און אַ יידיש היטל (אַ קליינס, אַ קיילעכדיקס, פון שוואַרצן טוך מיט אַ דאַשעק אין פאָרם פון אַ נאָר־וואָס געבוירענער לבנה). זיי האָבן אויך אַרויסגעהאָנגען צוגלייך:

הענטשעס אַ שוואַרצן ווינטערמאַנטל, אַ העלען זומער־מאַנטל, אַ קאָסטיום, עטלעכע קליידער, אַ פּלושן היטעלע און אַ היטעלע, וואָס זי אַליין האָט זיך אויסגעשטריקט און צוויי פּאָר לאַטשן.

דאָס אַלץ איז ניי געווען, ווי פון דער נאָדל אַוועק. נאָר באַוואַקסן מיט גרינעם שימל... נאָך עטלעכע טעג הענגען אויף דער זון, איז דער שימל ווייס געוואָרן און מיט נאָך עטלעכע טעג הענגען אויף דער זון,

איז דער שימל אוועק. אבער נאכ'ן צוריקהאלטן עטלעכע טעג אין שטוב, איז ווידער געווען גרינער שימל. האבן זיי באשלאסן טאג־טעגלעך דעם אויסשטייער צו לופטערן סיי עס איז יא דא זון, סיי נישט, אבי עס וועט נישט רעגענען. דערביי האבן זיי געמאכט א קאמונע מיט דער זון: איין טאג האט ער אויפגעהאנגען זיין אויס־שטייער איבער דעם פענצטער, ווו עס איז איצט אויף עטלעכע שעה צוגעקומען די זון, און איין טאג זי. צום צווייטן פענצטער איז די זון לגמרי נישט צוגעקומען, ווייל עס איז געווען אין א ווינקל נעבן א הויכער מויער.

ווען זייף האט דערזען, אז דער שימל איז אראפ, האט זיך אויף זיין אויסגעדארט פנים באוויזן א נחתדיק שמייכעלע:

— יא, די מלחמה קען זיך יעדע מינוט ענדיקן, ביים רבונו של עולם איז אלץ מעגלעך און מיר וועלן אהיימגיין אין נייע מלבושים. יא, יא, העניע לעבן! — האט ער געזאגט צו זיין ווייב און זי האט צוגעשאקלט מיטן קאפ: „מסכים".

* * *

הערש זייף האט ארויפגערופן צו זיך אין שטוב אריין דעם וועכטער שמחה בלושטיין:

„נו, טרעפט, פאניע בלושטיין — האט ער אים געפרעגט מיט זיין שוואכער שטים. — מיט וואס האט מיין ווייב היינט אפגעקאכט?

— קוקנדיק אים אין די אויגן אריין, מיט א שקאציש שמייכעלע, ווי א חדר־יינגל, וואס טוט צונאר מאכן זיין חבר מיט א שווער רעטעניש.

בלושטיין האט זיך ארומגעקוקט אין יעדן ווינקל און געזען אז אלץ איז ווי געווען: די לייסטן פון דער טיר, פענצטער און דער פאד־לאגע האט די קיך שוין לאנג איינגעשלונגען. די פאדלאגע גופא, קען ער ניט ארונטעררייסן, ווייל ער קען נאך ארונטערפאלן — ער וווינט אויפן צווייטן שטאק. אויסער דעם: קאנטראלירט אים יעדע פאר טעג דעם „קייסער" רומקאווסקים א מענטש, — צי ער צערייסט נישט די פאדלאגע. די בעטן, דער טיש מיט די שטולן שטייען גאנצע. אגב, זיינען דאס נייע מאדערנע בעטן. פאר זייערע אלטע, שווערע דעמבאווע בעטן האבן זיי באקומען די נייע, און מען האט זיי נאך צוגעצאלט אזויפיל געלט, וויפיל שווערער זיי האבן געוווגן. בלושטיין האט זיך געבראכן דעם קאפ, ער האט געוואלט טרעפן, ער זאל נישט בלייבן אן אפגענארט יינגל.

— „נו, טרעפט! — איר וועט נישט טרעפן, הא?" — רייצט זיך שוין הערש זייף מיט אים.

„פארוואס נישט? מיט דעם ברעט, וואס איר האט גענומען ביים בלעכער!" — האט ער אויסגעשריען מיט א טאן, ווי מען פאר־

ענטפערט אַ רעטעניש.

„כאַ-כאַ-כאַ! אַ שיינע מעשה. פאַרוואָס זאָגט איר נישט, אַז מיטן פּאַראַיאַריקן שניי? — נאָך דעם ברעט האָט שוין לאַנג אַ האָן געקרייעט. עס איז שוין אַפילו פון אַש קיין זכר נישטאָ!" — האָט זייף טריומפירט.

די מעשה איז אַזוי געווען: ס'האָט ביי זייפן אַריינגערעגנט, אַז ער האָט געמוזט אונטערשטעלן שיסלען אויף די בעטן. האָט ער זיך קוים מיט צרות דערבעטן ביים אַדמיניסטראַטאָר איבער די הייזער, פון דעם ראַיאָן, ער זאָל אים שיקן אַ בלעכער, צו פאַרריכטן דעם דאַך. דער בלעכער איז אַרויפגעגאַנגען אויפן בוידים. עס דויערט נישט קיין צוויי מינוט און זייף הערט איבער זיין קאָפּ רייסן ברעטער און דער בלעכער איז זיך באַלד בנעימותדיק אַראָפּגעגאַנגען מיט ברעטער אונטערן אָרעם. איז זייף צו אים אַרויס מיט אַ געוואַלד:

„איר זענט אַ רוצח! איר האָט מיך אָפּגעשאָכטן אָן אַ מעסער! ביז איך האָב אייך דערלעבט צו זען, איז מיר שיער די נשמה אַרויס. אָנשטאָט צו פאַרריכטן דעם דאַך האָט איר אים גאָר צעבראָכן?! אָנשטאָט צו ברענגען ברעטער צום פאַרריכטן, נעמט איר גאָר אַהיים ברעטער?! ווו האָט איר גאָט אין האַרצן?!"

„גייט שוין! גייט שוין! — האָט אים דער בלעכער בנעימותדיק געענטפערט — צוליב אַזאַ „דראַבנאָסטקע" (קליינינקייט) לוינט זיך אייך אַזוי ס'האַרץ אָפּצועסן? דאָס הויז איז דען אייערס? ביז ס'וועט רעגענען, קאָן זיך די מלחמה ענדיקן. איר זעט דאָך וואָסאַראַ היצן עס זיינען, אינעם זומער רעגנט זעלטן, און אַז עס רעגנט יאָ, איז קוים אַ רעגנדלטשינע — דער דאָך ווערט אַפילו נישט איינגענעצט. דערצו איז היינט אַ טרוקענער זומער — שבועות האָט נישט גערעגנט, אויב עס רעגנט נישט אין שבועות רעגנט זומער זעלטן. און ביז האַרבסט, וועט מען שוין האָבן פאַרגעסן אַז עס איז אַמאָל געווען אַ מלחמה, מיט אַ געטאָ און מיט אַ „קייסער" רומקאָווסקי..."

„אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן, אַז די מלחמה זאָל נאָך דויערן ביז האַרבסט — איז אים זייף אַריינגעפאַלן אין די רייד — די מלחמה שלעפּט זיך שוין באַלד צוויי יאָר!"

„נו, יאָ, — נעמט אייך אַ ברעט, וועט איר אויך האָבן מיט וואָס אָפּצוקאָכן. דאָס איז אַ סגולה די מלחמה איבערצולעבן." — האָט ער אים אַריינגערוקט אַ ברעט אונטערן אָרעם.

זייף האָט זיך געטראַכט: אַזאַ יאָר שוין אויף מיר, ווי דער ייד איז גערעכט.

„וואָס זאָל איך מיט אייך טאָן? זאָל איך אייך איבערגעבן צום „קייסערס" פּאָליציי? ווי קען איך דאָס? — האָט ער צו אים

געזאָגט צוכאַפּנדיק דאָס ברעט מיט ביידע הענט. — אָ, פּאַר אים דאַרפט איר זיך היטן — האָט זייף אַנגעוויזן אויף בלושטיינען — ער איז דער, וואָס גיט אַכטונג, אַז מען זאָל נישט גנבענען קיין האָלץ.״

דער בלעכער האָט זיך אַביסל דערשראָקן. נאָר בלושטיין האָט אים אַ גלעט געגעבן מיט אַ רחמנותדיקן בליק, האָט עס אים באַרויקט. און זייף האָט צוגעגעבן:

„שרעקט אייך נישט. אַזאַ יאָר שוין אויף מיר וואָסאַראַ מענטש דער ייד איז, האַ פּאַניע בלושטיין? אויף אייך קען איך שווערן, אַז איר וועט קיינעם קיין שלעכטס נישט טאָן.״

דער בלעכער האָט זיך גיך אָפּגעטראָגן מיטן בינטל ברעטער, און זייף האָט זיך אַריינגעשאַרט אין שטוב אַריין מיטן ברעט. ער האָט עס צעפּיצלט און איינגעטיילט אין חלקים אויף עטלעכע טעג צו קאָכן.

ביים צוטיילן די חלקים האָלץ דעם וויב, האָט ער זי געפרעגט:

„הענשי, ווי זאָגט מען אין משוגענעם „מלוכה״: ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז ביי יידן זאָל פערד-פליייש זיין כשר און האָלץ טריפה?״

„אין אַ פּאַרדרייטער וועלט — איז אַלץ פאַרקערט״, האָט זי אים געענטפערט — „דאָס איז נאָר מעגלעך אין רומקאָווסקים „מעלעקע״ (מלוכה).

„אַלזאָ, טרעפט זשע פּאַניע בלושטיין, מיט וואָס האָט מיין וויב היינט אָפּגעקאָכט?... איר וועט נישט טרעפן, הא?״ האָט ער זיך שוין מיט אים גערייצט.

„ניין!״ האָט בלושטיין מיט אַ זיכערן טאָן אַ זאָג געטאָן.

הערש זייף האָט געעפנט דאָס וועש-שענקל מיט אַ מינע פון אַ דערפינדער, בעת ער דעמאָנסטרירט זיין ווערק.

בלושטיין זעט: אַלץ שטייט אין בעסטן אָרדענונג: אי דאָס גלאָזוואַרג, אי דאָס פּאָרצעלאַן. אַפילו דאָס פּאַפּיר, וואָס איז אונטערגעלייגט אונטער די וועש, איז אויסגעגלגלייכט אָן אַ קנייטש. די וועש ליגט אין בעסטן אָרדענונג. בלושטיין וווּנדערט זיך: „וואָס ווייזט ער מיר דאָ?״

זייף האָט שוין לענגער נישט געקענט אויסהאַלטן נישט צו באַווייזן זיין חכמה. האָט ער גיך אויפגעהויבן ס׳פּאַפּיר און געוויזן:

„איר זעט?... צו וואָס דאַרף מען האָבן גאַנצע ברעטער אויף פּאָליצעס, אַז ס׳זיינען גענוג לייסטן? — דרייט ער מיטן גראָבן פינגער מיט אַ גמרא-נגון — האָב איך מיר, פאַרשטייט איר מיך, אַרויסגענומען די ברעטער, דריי האָב איך צעהאַקט, צוויי צעשפּאָלטן אויף לייסטן און איך האָב מיר קייערלעך אויסגעלייגט לייסטלעך, אַרויפּ-

געליגט ס׳פּאַפּיר, ווי קיינמאָל גאָר נישט און איך האָב מיר פּאָליצעס ווער מיר שוין גוטס גינט! נו דערקענט מען עפּעס? און אַצינד וועט מיין ווייב האָבן צו קאָכן און צו קאָכן אַ לענגערע צייט — ווייזט ער אים אויף די באַהאַלטענע בינטלעך האָלץ, וואָס ער האָט איינגעטיילט צו עטלעכע פּיצלעך — מער טאָר מען נישט פאַרנוצן! נישט נאָר בלויז דער „קייסער" רומקאָווסקי טיילט צו אַ ראַציע, נאָר איך טייל אויך צו מיין ווייב אַ ראַציע — אַ האָלץ־ראַציע. — דאָס וואָס דער „קייסער" טיילט קיינמאָל ניט; און וואָס צו קאָכן געלויבט צו גאָט האָב איך!" — און ער האָט בלושטיינען געוויזן אַ באַרג וואָרצלען פון קרויט.

נישט ווייט פון זייפן, אויף אַ גרויס פעלד, וואָס דער „אַגראָר־אַמט" האָט פאַרדונגען רומאַקווסקיס אַ מענטש, אַ געוועזענער פאַב־ריקאַנט, ווען יענער האָט אַראָפּגענומען ס׳קרויט, האָט זייף אויס־געגראָבן די וואָרצלען. דאָס איז געווען ביטער ווי גאַל און האַרב. זייף האָט אויך אַהיימגענומען די ביטערע קרויט־בלעטער, וואָס זיינען געבליבן נעבן די וואָרצלען.

מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָט זייף ווידער אַרויפגערופן בלו־שטיינען און אים געפרעגט:

„אדרבה, זייט אַ חכם און טרעפט מיט וואָס האָט מיין ווייב היינט אָפּגעקאָכט ס׳ביסל עסן?"

און עס איז פאָרגעקומען דער זעלבער שפּיל, וואָס מיט צוויי וואָכן צוריק. בלושטיין האָט זיך ווידער געבראָכן דעם קאָפּ, געזוכט, געניש־טערט אין יעדן ווינקל און נישט געפונען קיין שום סימן. ענדלעך, ענדלעך, האָט זייף ווידער פאַרענטפערט דאָס רעטעניש:

„פּאַניִ בלושטיין, צו וואָס דאַרף אַ שאַנק — האָט ער אַ פּראָל אויף געגעבן די טיר פון דער וועש־שאַנק — האָבן אַ הינטער־וואַנט? איך האָב, פאַרשטייט איר ׳מיך, טאַקע אַרויסגענומען די איבעריקע וואַנט און מיין ווייב וועט האָבן מיט וואָס צו קאָכן און צו קאָכן."

די פרוי זייף האָט פון די קרויטוואָרצלען און ווילדע בלעטער געמאַכט פאַרשפּייזן: פיש, פלייש, פאַרשידענע זופּן און צימעס. זי האָט דאָס נאָר אַביסל געלאָזט קאָכן און אַריינגעשיט אַ סך טיי־זאָדע. ווייל טיי־זאָדע אין הייסן וואַסער קאָכט, האָט זי געמיינט: אי עס קאָכט און אי עס ציט אַרויס דעם סם (די וואָרצלען קענען זיך סיי־ווי־סיי, אַפילו ביים גרעסטן פייער נישט אָפּקאָכן). הערש זייף האָט פון דעם סם זיך געמאַכט „איינגעמאַרינירטן הערינג" (דאָס איז גע־ווען זיינס אַן אייגענע דערפינדונג). ער האָט אַרויסגעשיילט די גלאָמפּן פון די וואָרצלען, שטאַרק איינגעזאַלצן און געלאָזט אַביסל

שטיין. דערנאָך האָט ער געמאַכט אַביסל עסיק מיט וואַסער, אַריינגע־וואָרפן אַ סאַכאַרינקע, אַריינגעשיט אַביסל פּאַפּריקע־ערזאַץ (דאָס האָבן די דייטשן אַריינגעגעבן לרוב, ווייל דאָס האָט פאַרברענט די געדערים, ס'האַרץ מיט לונגען). זייף האָט אין דעם געטונקען דאָס נויקעץ ערזאַץ־ברויט און אָן איבעררייס אויסגעדריקט זיין הנאה: „אַ־אַ־אַ־אַ־ה־ה־ה, אַ מחיה!" און ער האָט צוגעשמאַטשקעט מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט געגעסן אַ גוט געבראָטנס. זייף האָט זיך אויך אונטער־געברומט אַ חסידישן ניגון און צוגעפּויקט מיטן פינגער אין טיש:

„אַ־אַ־אַ־ה־ה־ה, אַ טייערער געמאַרינירטער הערינג, העניע, הע־ניעשי, ס'איז דער טעם גן־עדן! קיין שונא זאָל נישט וויסן דעם טעם!" — האָט ער געזאָגט צום ווייב, און זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. ביידע האָבן מיט גרויס הנאה געגעסן די מאכלים.

מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָט זייף ווידער אַרויפגערופן בלו־שטיינען און אים געפרעגט:

„נו, טרעפט מיט וואָס האָט היינט מיין ווייב אָפּגעקאָכט דאָס ביסל גרינע בלעטער? אַצינד מוזט איר טרעפן!"

און ער האָט אים גלייך אָנגעוויזן אויף דעם שענקל, וואָס איז אַצינד פאַרהאַנגען געווען מיט אַ קאָלדרע:

„נו, איר זעט? היינט בין איך נאָך קלוגערער געוואָרן: צו וואָס, צו אַלדי גוטע יאָר, דאַרף אַ שאַנק האָבן אַ טיר? און אַזוי איז שלעכט? טויג נישט?... פון דער טיר וועט מיין ווייב האָבן צו קאָכן און צו קאָכן און די שאַנק איז זיך געבליבן שאַנק!"

בלושטיין האָט אַ ריר געגעבן די שאַנק מיט זיין פינגער, זי האָט זיך געוויגט הין־און־צוריק, כדי די שאַנק זאָל נישט פאַלן פון חשיבות האָט זי זייף פאַרטיידיקט:

„דאָס איז גאָרנישט! ווער וועט זיך שלאָגן מיט איר? קיין גיבור דאַרף אַ שאַנק נישט זיין!"

צומאָרגנס האָט שוין די זייפאָווגע אַ דערשראָקענע און אַ פאַר־וויינטע, אַריינגערופן בלושטיינען:

„זעט נאָר, פאַניע בלושטיין, וואָס ס'איז פון מיין מאַן געוואָרן?"

זייף איז געלעגן אין בעט, עס איז אים שווער געווען זיך צו רירן פון אָרט. איבער נאַכט איז ער אַזוי געשוואָלן געוואָרן, און דאָס פּנים מיטן קאָפּ איז געווען אַזוי לאַנג און ברייט, אַז עס האָט פאַר־נומען דאָס גאַנצע קישן, פאַרן קערפּער איז דאָס בעט צו שמאָל געווען.

„איר זעט, פאַניע בלושטיין, וואָס עס איז פון מיר געוואָרן? — האָט זייף געזאָגט מיט זיין שוואַכער שטים — אַלץ ווייל כ'האָב נישט קיין „פלייצעס" (פּראָטעקציע).

בלושטיין האָט געזוכט עפּעס אַ וואָרט אים צו טרייסטן, אָבער עס איז אים שווער געווען צו געפינען.

„זאָרגט נישט, פאַניע זייף, די מלחמה ענדיקט זיך אַ ליאַדע טאָג. מיר וועלן צוזאַמען אַהיימגיין."

„יאָ, פאַניע בלושטיין, איך און מיין ווייב האָבן נאָך אַפילו אונדזער חתונה-אויסשטייער נישט באַנייט."

„פאָלגט מיך, פאַניע זייף, פאַרקויפט עפּעס פון אייער חתונה-אויסשטייער און קויפט אייך אַ שטיקל ברויט, אַ פּיצל פלייש. אין שטאָט וועט איר שוין קומען צו מלבושים... נאָך צו בעסערע..."

„פון אונדזער אויסשטייער וועלן מיר קיינמאָל גאָרנישט פאַרקויפן! איר האָט דאָך געהערט, אַז מיר האָבן עס נאָך אַפילו נישט באַנייט. מיר היטן דאָס ווי אַן אויג אין קאָפּ. צו-להכעיס די דייטשן וועלן מיר אין די קליידער אַהיימגיין!"

בלושטיין האָט אים נישט געוואָלט מער צוריידן, כדי זייף זאָל נישט צווייפלען, אַז די מלחמה ענדיקט זיך שוין אַ ליאַדע טאָג. האָט ער אים געזאָגט, אַז דאָס געשווילעכץ איז גאָרנישט. ער האָט עס אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. ער איז זיכער געווען, אַז זייף וועט שוין לאַנג נישט קענען קעמפן מיטן הונגער. ביי דער טיר האָט ע[ר] אים געזאָגט:

„אינמיטן דער נאַכט וועל איך קומען צולויפן אייך אָנזאָגן די גוטע בשורה, אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט!"

און בלושטיין איז אַראָפּ אויפן הויף. דאָ האָט ער זיך דערמאָנט, וואָס ער האָט געלייענט אין דער אַריינגעשמוגלטער דייטשער צייטונג אין דער רעדע פון גאַולייטער האַנס גרייזער, ימח שמו! — וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר דער היטלער יוגנט דעם ערשטן מאַי, טויזנט ניין הונדערט און פערציק, אין טאָג, ווען די לאָדזשער געטאָ איז געשלאָסן געוואָרן (אַרומגערינגלט מיט שטעכל-דראָט):

„די יודען זיינען געבענדיגט! — האָט ער געזאָגט — פון הונגער וועלן די יודען פאַרוואַנדלט ווערן אין פאַרריקטע הינט! איין יודע דעם צווייטן וועט אַראָפּרייסן שטיקער פלייש! זיי וועלן זעלבסט זיך אויפפרעסן די יודען!..."

„מיר שטאַרבן טאַקע אויס פון הונגער — האָט בלושטיין צו זיך געזאָגט, — אָבער קיין ווילדע חיות זיינען מיר נישט געוואָרן. נישט נאָר בייסט מען נישט אָפּ שטיקער פלייש איינער פון צווייטן, נאָר מען וויל אַפילו נישט אויסטוישן קיין חתונה-מלבושים אויף אַ שטיקל ברויט און פלייש. עס קומען אין געטאָ נישט פאָר קיין רויבערייען, קיין מאָרדן, ניין! „ער" קען אונז נישט פאַרוואַנדלען אין משוגענע

הינט! אויסערלעך זעען מיר אוים ווי מתים, אבער אינערלעך האבן מיר איינגעהאלטן דעם צלם אלוקים..."

צומארגנס, באלד אינדערפרי, איז שוין בלושטיין אליין ארויפ־געגאנגען צו זייפן. ער האט מורא געהאט, אז זייף וועט שוין די נאכט נישט אויסהאלטן, אדער אפשר האט ער, חלילה, אליין זיך ס'לעבן גענומען, פון די יסורים.

בלושטיין איז אבער איבערראשט געווארן: זייף איז איבערנאכט דאר געווארן ווי א שטעקן און די הויט איז געווען ווי פון א מת. ער האט נישט געקענט אראפגיין פון בעט.

בלושטיין האט אים אצינד ווידער געטרייסט:

„זעט איר, דאס געשווילעכץ איז אוועק. וואס האב איך אייך געזאגט: דאס איז א סימן, אז עס ווערט אייך בעסער, איר וועט שנעל געזונט ווערן. האלט אייך, פאניע זייף, מיר וועלן צוזאמען אהיימגיין!"

„א, איך האב נאך, חלילה, דעם בטחון נישט פארלוירן! וואס רעדט איר פאר א נארישקייטן, אז איך וועל גיך געזונט ווערן, וואס? איך בין דען, חלילה, קראנק? איך בין נאך אין מיין לעבן נישט קראנק געווען. כ'בין נאר אצינד א ביסל אפגעשוואכט פון הונגער. אי, איך האב יסורים? דאס איז גארנישט! מען האט „זיי" טיף אין דר'ערד! איר דערמאנט זיך, פאניע בלושטיין, וואס האנס גרייזער — ימח שמו! — האט געזאגט נאך אין יענע צייטן? איר דארפט דאך יא געדענקען? „די יודען זענען געבענדיקט!" גלויבט מיר, „ער" איז שוין געבענדיקט! מיר וועלן „זיי" איבערלעבן! איך האב די נאכט געהאט גאר א גוטן חלום: אז עס איז געווען נאך דער מלחמה און איך האב געשניטן לעבעדיקע פאסן פון די דייטשן און פון „קיי־סער" רומקאווסקי מיט זיינע משרתים! אוי, האב איך נקמה גע־נומען! אוי, האב איך מיר געקילט מיין הארץ! איך האב אויך געזען מיין טאטן ע"ה און דאס איז א גוטער סימן. איך זאל אזוי זוכה זיין זיך צו זען מיט מיינע קרובים, ווי „זיי" וועלן איינגעמען א מיתה משונה!" — האט זייף געפייערט מיט זיין שוואכער שטים.

ס'איז גוט, פאניע זייף! גוט, וואס איר האט נישט פארלוירן דעם בטחון! איך האלט פון אייך, מיר וועלן צוזאמען אהיימגיין!" האט אים בלושטיין געטרייסט און ער איז אראפגעגאנגען מיט הארץ־ווייטיק, טראכטנדיק:

„ווער ווייס, וואס עס וועט פון אים ווערן? דער הונגער האט אים שוין געמאכט פאר א „קלאפסעדרע" (א פנים — ווי א טויט־אנזאג). דער מלאך־המות האט אויף אים שוין ארויפגעלייגט זיין חתימה..."

אביסל שפעטער האט בלושטיין ארויפגעברענגט צו זייפן א האלבן קילא קארטאפל:

„דא האט איר. ווען איר וועט אפנעמען אייער „ראציע" וועט איר מיר אפגעבן. איך האב נאר וואס אפגענומען מיין „ראציע".

זייף מיטן ווייב האבן זייערע אייגענע אויגן נישט געגלויבט.

„הערשל, דאס וועט פאר דיר זיין א רפואה שלימה, אבער מיט וואס וועל איך עס אפקאכן, אז איך האב שוין נישט קיין קריש האלץ? האט זי געזאגט א פארזארגטע.

„נעם ארויס פון שענקל דאס לעצטע שופלאד". און זי האט אזוי געטאן.

„זעסט, העניע לעבן, אז גאט פארלאזט נישט און די שאנק איז געבליבן שאנק."

אויף זייפס פנים האט אויפגעבליצט א שמייכעלע.

און זיי האבן די נישט-אפגעשיילטע קארטאפל געטונקען אין זאלץ און געגעסן. ווייל די געטא-יידן האבן געזאגט: „שאלעכץ איז געזונט. אין הייטל געפינט זיך אייזן און אונטערן הייטל געפינט זיך צוקער און דערפאר זיינען בהמות אזוי געזונט און קרעפטיק, ווייל — זיי עסן שאלעכץ".

א קינדער שפיל אין געטא

די קינדער פון לאדזשער געטא האבן, פארשטייט זיך, קיין שפילפלעצער און גערטנער נישט געהאט — האבן זיי זיך געשפילט אין דעם הויף.

ביי די שכנים דא, די משפחה קליגער איז געווען אן אכצן יאריקע טאכטער, טאבטשע. הויך און שלאנק, מיט א קאפ לאנגע, שאטינע האר, מיט א לענגלעך שטענדיק שמייכלענדיקן פנים און שווארצע אויגן מיט ברוינע און גרינע פינטעלעך — האט זיך טאבטשע כסדר פארנומען מיט די קינדער פון גאנצן הויף. פון אייגענעם גוטן ווילן האט זי אכטונג געגעבן אויף זיי און געשפילט זיך מיט זיי.

די קלענערע קינדער, וואס זי פלעגט נעמען אויף די הענט און צערטלען, פלעגן גלעטן אירע זיידענע לאנגע צעפ. זי האט זיך גע־שפילט מיט די קינדער אין א ראד, געזונגען זיי יידישע, העברעאישע און פוילישע לידעלעך, געטאנצט — און די קינדער האבן מיטגע־זונגען און מיטגעטאנצט. טאבטשע האט זיך געשפילט מיט די קינדער אי ווי א דערציערין אי ווי א קינד. זי האט זיי צונויפגענומען, גע־לערנט זינגען לידעלעך און פארשידענע שפילערייען. דערציילט מעשהלעך, וואס זי האט געדענקט נאך פון דער שול, אדער גע־לייענט צי געהערט דערציילן. זי פלעגט אבער בעת די שפילערייען נאכטאן אלע שטיפערייען און איינפאלן פון די קליינע קינדער: גע־מאכט פארשידענע קונצן, שפרינגענדיק איבער א שנור אדער שפילנ־דיק אין פילקע; זי האט צוזאמען מיט זיי געשפילט אין באהעל־טעלעך, אין בלענדעניש צי אין „שלעפע באבע".

און ווייל זי האט ליב געהאט די קינדער, האבן איר די קינדער מיטן זעלבן אפגעצאלט — זי ליב געהאט און געקלעפט צו איר.

טאבטשע נעמט אויף איר שויס א פינף־יאריק יינגעלע און פרעגט אים:

„יאָסעלע, דו קענסט שוין דעם אלף בית?"
„יאָ!" ענטפערט ער.
„נו, לאָמיר הערן."
און דאָס ייִנגעלע זינגט אויס מיט אַ חדר-ניגון:
„אלף, בית, גימל —
עס איז דאָ אַ גאָט אין הימל;
דאַלעד, האַי, וואָוו —
מיר זיינען זיינע שאָף;
זין, חעס, טעס —
גאָט צו לויבן נישט פאַרגעס;
און דער צענטער אות איז יוד —
גאָט דער פּאַסטוך היט;
כוף, לאַמעד, מעם —
די רייד פון דער תורה פאַרנעם;
נון, סאַמעך, עין —
אין חדר טאָר מען נישט שרייען;
פּעי, צאַדיק, קוף —
מיר פאָלגן טאַטע-מאַמע, הערן זייער רוף;
ריש, שין תאָוו —
זיי גוט און צו גאָט האָף;

דאָס ייִנגעלע ענדיקט, קלאַפּט טאַבטשע בראַוואָ און אַלע קינדער טוען איר נאָך און טופּען צו מיט די פיסלעך, צושרייענדיק פרייליך: „או, או, או, או!"

די וועלט זאָגט: „קליינע קייען וואָס גרויסע שפּייען". האָבן די קינדער אויסגעטראַכט שפּילערייען וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט אַ שטיק לעבן פון געטאָ: זיי האָבן געשפּילט אין „קיך", אין „קאָאָפּעראַטיוו" און אין „געטאָ". דאָס איז געווען אַ קינדער פאָלקלאָר, און אָט ווי ס'איז ביי זיי פאָרגעקומען:

מיט אַ לאַנגן שנור האָבן די קינדער געמאַכט אַ „געטאָ-צוים" און בעת מעשה האָבן זיי צוגעזונגען:
„רומקאָווסקי חיים
האָט געמאַכט אַ געטע
מיט אַ מעטע..."

נעבן דעם צוים אינעווייניק האָט זיך אַרומגעדרייט אַ ייִנגעלע מיט אַ קורץ שטעקעלע — אַ „געטאָ-פּאָליציאַנט". אויסנווייניק פון דער צוים האָט זיך געדרייט אַ צווייט ייִנגעלע — כלומרשט די דייטשע וואַך — שוין מיט אַ לאַנג שטעקל אויפן אַרעם. דאָס איז געווען

די „ביקס . די צווי האָבן צווישן זיך נישט גערעדט, ווייל אַזוי איז טאַקע געווען דאָס דייטשע געזעץ. נאָך אַ יינגעלע — דער „קייסער רומקאָווסקי" אַליין, איז געזעסן פון דער ווייטנס אויף אַ שטיין. די קינדער יינגעלעך און מיידעלעך — האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי, און דער קייסער האָט זיי אויסגעטיילט „טאַלאָנען" פאַר דער קיך אָדער קאַרטן פאַר דעם „קאָאָפּעראַטיוו".

קיינער פון די קינדער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין חשק צו שפּילן די ראָליעס נישט פון „דייטש", נישט פון „געטאָ־פּאָליציאַנט" און אפילו נישט פון „קייסער". געוווּסט האָבן זיי, די קינדער, אַז יענע זיינען שלעכטע מענטשן. אָבער, אַז טאַטשע האָט עמעצן אויסגעקליבן פאַר די ראָליעס, האָט מען איר געפאָלגט, ווייל טאַבטשע איז דאָך אַ גוטע...

טאַבטשען האָבן די קינדער געמאַכט פאַר די אויסטיילערין פון דער זופּ אין „קיך" און פאַר דער אַרויסגעבערין פון די „שפּייזן" אין קאָאָפּעראַטיוו.

באַלד נאָך דעם אָפּנעמען די „טאַלאָנען" האָבן זיך די קינדער אויסגעשטעלט אין אַ צווייטער ריי נעבן טאַבטשען, און זי האָט זיי אַרויסגעגעבן די „זופּ" און די „ראַציע": מעל, צוקער, עסיק, זאַלץ, וואַש־זאַדע. דערצו האָבן געניצט — זאַמד, שטיינדלעך, צעשטויסע־נע רויטע ציגל, בלעטלעך, גראָז. דאָס אַלץ איז פון פריער געווען אָנגעגרייט אויף אַן אייזערנער פּלאַטע נעבן טאַבטשען.

די קינדער פלעגן די שפּייזן גלייך נעמען כלומרשט עסן — צונעמען צום מויל און געמאַכט זיך קייען.

אין דער ריי האָבן זיך די קינדער (פּונקט ווי די דערוואַקסענע אין געטאָ...) געשטופּט, געשטויסן און געשריגן. דער „געטאָ־פּאָליציאַנט" האָט געמאַכט אָרדענונג:

„רויק! שטיל זאָל זיין! האַלט דעם שנאָוץ! אָרדנונג מוז זיין!"

— און... געשלאָגן מיטן שטעקעלע.

די קינדער זיינען שטיל געוואָרן.

דערנאָך איז דער „קייסער רומקאָווסקי" צוגעקומען קאָנטראָלירן, צי עס ווערט ערלעך אויסגעטיילט. דאָס יינגעלע, וואָס האָט געשפּילט די ראָליע פון רומקאָווסקי, האָט אים אַקוראַט נאָכגעמאַכט, ווי ער שטעלט שווערע טריט און ווי ער רעדט. די קינדער האָבן זיך פאַר אים פאַרקלאָגט:

„פּאַניע „קייסער", די זופּ איז קאַלט!"

„פּאַניע „קייסער", קיין איין פּיצל קאַרטאָפל האָב איך נישט געפונען!"

„זי האָט מיך באַגנבעט אויף דער וואָג! — האָט איין מיידעלע אַנגעוויזן אויף טאַבטשען.

„פאָניע „קייסער", ווי אַזוי קען מען לעבן מיט בלויז עסיק און וואַש־זאָדע?!"

איין קינד האָט פאַרזונגען אַ לידל, און אַלע קינדער האָבן מיט־געזונגען:

„רומקאָווסקי חיים,
ער גיט אונז מים,
ער גיט אונז פעפער,
ער גיט אונז סם . . .
ר'האָט געמאַכט אַ געטע
מיט אַ דיעטע.
ר'האָט געמאַכט אַ געטע
מיט אַ מעטע —"
און ער שרייט, אַז ער איז גערעכט! . . .

דער „קייסער" רומקאָווסקי צעשרייט זיך אויף זיין ליטווישן אַקצענט:

— סווייגט, בונטאָווסטשיקעס! איך האָב גענוג עשן! אין מיין געטאָ פעלט גאָרניסט. איך האָב אַלטשדינג! פאַרמאַך זיי די מיילער! — באַפעלט ער דעם פּאָליציאַנט. דערנאָך רייסט ער אַרויס ביי אים דאָס שטעקעלע און הייבט אָן אַליין שלאָגן.

די קינדער שלאָגן אים צוריק און שרייען:

„משוגענער. משוגענער!"

„סווייגט, ממזרים! — צאָרנט דער „קייסער" — וואָרן איך וועל אייך ממיתן, איך וועל אייך אַלע הייסן געבן סמיץ! . . ."

אין די קינדער האָט זיך צעשפּילט אַ נקמה־געפיל און זיי האָבן צוריקגעשלאָגן. האָט זיך פאַר אים אָנגענומען דער געטאָ־פּאָליציאַנט. דעמאָלט האָבן די קינדער אויך אויף אים אויסגעלאָזט זייער כעס. ווען דער „קייסער" מיט זיין שומר האָבן שוין אַריינגעכאַפּט אַ שפּאַרע פאַרציע קלעפּ, האָט זיך אַריינגעמישט די „דייטשע וואַך" — דאָס יינגעלע מיטן לענגערן שטעקעלע, וואָס איז געשטאַנען אויף יענער זייט שנור:

— פאַרריקטע יודען! וואָס מאַכט איר מיט אייערן עלטעסטן?!

— האָט ער זיך צעשריגן. — דאָנער וועטער, יודישע שווינע! — און דערנאָך האָט ער אויסגעצויגן די „ביקס" און גענומען זיך צילן: „פּוי־פּוי!"

„דער דייטש שיסט!"

— דער „יעקע" (דײַטש") שיסט! ער שיסט!

די קינדער זײַנען זיך צעלאָפן מיט געשריי און באַלד

האָבן זיי זיך צעלאַכט. און דאָס איז געווען דער סוף פון שפּיל . . .

בערעלע אין געטאָ

אַ פּאָר טעג פאַר ראש השנה תש"ב, טויזנט ניין הונדערט צוויי און פערציק, האָט דער „קייסער" פון לאָדזשער געטאָ, מרדכי חיים רומקאָווסקי, גערעדט צו די יידן אויפן פייערלעשער־פּלאַץ:

„מיינע ליבע שוועסטער און ברידער! אַלס „עלטסטער־דער־יודען" ווענד איך מיך צו אייך און איר זאָלט מיך פאָלגן; איר ווייסט אַז איך בין אַ טאַטע פון יתומים, און אַז די זקנים און די קינדער זיינען מיין גאַנץ לעבן. אַצינד איז, אָבער, געקומען אַ צייט, אַז איך מוז אַוועקגעבן דאָס וואָס ס'איז מיר אַמטייערסטן — אַלע מיינע קינדער און זקנים. (רומקאָווסקי האָט שטאַרק געגלויבט, אַז אַלץ, וואָס עס האָט זיך געפונען אין געטאָ, אַפילו די מענטשן — איז זיין אייגנטום. דערפאַר האָט ער אויף אַלץ געזאָגט: „מיין"). דעריבער ווענד איך מיך צו אייך, אַז איר זאָלט מיטן גוטן ווילן אַוועקגעגעבן די קינדער און די עלטערן, זיי וועלן גענומען ווערן אויסערן געטאָ. אַזוי וויל דאָס מלכות. און מען טאָר נישט גיין קעגן מלכות".

די טויזנטער יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דעם פּלאַץ, צווישן זיי אויך דער ניין־יאָריקער בערעלע, זיינען אַנידערגעפאַלן מיט אַ יאָמער־לעכן געוויין. בערעלע האָט געוואָרפן אַ קללה אויף רומקאָווסקין און ער האָט זיך געגעבן אַ שבועה: ניין, ער וועט זיך נישט לאָזן אַרויסשיקן פון געטאָ.

בערעלע איז צוזאַמען מיט דער אויפגעברויזטער מאַסע שנעל אַראָפּ־געלאָפן פון פּלאַץ. און אַזוי ווי אַלע האָט ער געמאַכט פּלענער, ווי צו באַהאַלטן זיך.

אָנגעהויבן האָט זיך עס אַזוי: די געשטאַפּאָ האָט כלומרשט אָנגע־פרעגט רומקאָווסקין וואָס ער וויל: צי זאָלן זיי אַדורכפירן די „אַקציע" אָדער, ער, רומקאָווסקי, וויל אַדורכפירן; רומקאָווסקי האָט געוואָלט אויס־מיידן בלוט־פאַרגיסונג, האָט ער זיך אונטערגענומען אַליין אַדורכצופירן די „אַקציע".

צוויי טעג זיינען יידישע פּאָליציי און יידישע דאָקטוירים געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, דער הויז־וועכטער האָט געבראַכט דאָס הויז־בוך, און די פּאָליציי האָט קאָנטראָלירט צי אַלע איינוואוינער געפינען זיך.

קינדער אונטער צוועלף יאָר און עלטערע פון זעכציק יאָר אָן האָבן זיי גלייך צוגענומען. די איבעריקע האָבן די דאָקטוירים אונטערזוכט — די אַרבעטס־פעאיקע האָבן זיי איבערגעלאָזט, און די קראַנקע און שוואַכע מיטגענומען.

די „אַקציע", ווי די דייטשן האָבן עס אָנגערופן, האָבן זיי געפירט לויט די פאָרשריפטן פון די דייטשן.

די דייטשן האָבן געזען אַז די „אַקציע" גייט צו פּינקטלעך און צו פּאַמעלעך, האָבן זיי דעם ערשטן טאָג ראש השנה אַליין איבערגענומען די „אַקציע".

די געשטאַפּאָ האָט דורך פּלאַקאַטן מודיע געווען אַז זיבן מעת־לעת טאָרן נישט די יידן פאַרלאָזן די שטובן. עס איז אַ „שפּערע".

יידן האָבן תפילה געטאָן: גאָט זאָל צונעמען זייערע נשמות, — זיי האָבן געוואָלט קומען צו קבר ישראל. איבערן גאַנצן געטאָ האָט זיך געטראָגן אַן איבעררייס אַין געוויין. מאַמעס זיינען געלאָפן איבער די גאַסן צוטוליענדיק זייערע עופעלעך שרייענדיק: וואו באַהאַלט איך דיך?! אַ סך מאַמעס זיינען משוגע געוואָרן. מאַמעס מיט קינדער אין די הענט זיינען אַראָפּגעשפּרונגען פון די הויכע שטאָקן. כדי אַנצוואַוואַרפן נאָך אַ גרעסערע מורא, — האָבן די דייטשן אין מיטן מאַרק אויפגעהאַנגען אַכצן יידן אויף איין תליה. די קדושים האָבן געהאַנגען דריי טעג. און מען האָט געזאָגט: ווער עס וועט אויסבאַהאַלטן קינדער און אַלטע לייט וועט אויפגעהאַנגען ווערן.

בערעלע איז געבליבן אין געטאָ אַ קיילעכדיקער יתום. זיין טאַטן, זיין מאַמען, דריי עלטערע שוועסטער מיט אַ יונגער ברודערל, האָבן די דייטשן דעם צווייטן טאָג ראש השנה אין יאָר 1942 „אויסגעזידלט" (דאָס הייסט צוגענומען פון געטאָ און אַוועקגעפירט אין אַ טויטן־לאַגער פאַרגאַזט צו ווערן).

יענע וואָך איז געווען די שוידערלעכסטע צייט אין ליצמאַנשטאַט־געטאָ (לאָדזש). זי איז אַריין אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען „די שפּערע". „געשפּערט" הייסט אויף דייטש געשלאָסן. גאַנצע זיבן טעג און נעכט האָט קיין ייד נישט געטאָרט אַרויסגיין פון שטוב. קיין שפּייז האָט קיינער נישט געהאַט אָנגעגרייט. די יידן האָבן שוין לאַנג נישט געגעסן צו דער זאַט.ביים צוטייל האָבן זיי אויך סטאַביל געהונגערט. אַז מען האָט געאַרבעט, האָט מען באַקומען אַ זופּ מיט אַ „שטיקל קינצלעך ברויט".

די „רעסאָרטן" (פאַבריקן), די קאָאָפּעראַטיוון און אַלע אַמטן זיינען געווען געשלאָסן.

די געשטאַפּאָ מיט דער הילף פון דער יידישער פּאָליציי, פּיערלעשער, קוימענקערער און דער „ווייסער גוואַרדיע״ (מעל־טרעגער) האָבן געפירט די „אַקציע״. דערפאַר זיינען זייערע ווייבער, קינדער און עלטערן באַפרייט געווען פון דער „אויסזידלונג״.

זיי זיינען געגאַנגען פון הויף צו הויף. דער געשטאַפּאָוויעץ האָט אויסגעשאָסן אין דער לופטן עטלעכע מאָל און אויסגעשריגן:

— אַלע אַרונטער!

אַלעמען האָבן באַהערשט טויט־אַנגסטן. דער גרעסטער טייל יידן זיינען אַליין אַראָפּגעגאַנגען מיט די פּעקלעך גרייט אין וועג אַריין. אַ סך יידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. זיינען די משרתים מיט העק אין די הענט, מיט די געשטאַפּאָ־לייט, געגאַנגען אין יעדן ווינקל, אויפגעריסן טירן, דילן, געזוכט אויף די בוידעמער און אין די קעלערן.

די, וואָס מען האָט געטראָפן באַהאַלטן זיינען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט.

די געשטאַפּאָ־לייט האָבן כלומרשט געזאָגט די יידן, אַז זיי זוכן נאָר עלטערע מענטשן און קינדער. עלטערע מענטשן קענען דאָך סיי ווי נישט אַרבעטן, וויל מען זיי שיקן אין „דערהאָלונגס לאַגערן״. דאָס הייסט, פלעצער, וואו זיי וועלן געזונט ווערן. אויסגעלאָזט אָבער האָט זיך אַנדערש. וועמען דער געשטאַפּאָ־מאַן האָט געוואָלט, דעם האָט ער גענומען: אַלטע לייט, קינדער, קראַנקע יונגטלעכע, געזונטע און אפילו גאַנץ קרעפּטיקע. די יידן האָבן נישט געוואוסט וואוהין מען פירט זיי, אָבער מען האָט געהאַט אַ פאַרגעפיל אַז מען נעמט זיי צום טויט.

די מעשה איז געווען אַזוי:

בערעלעס משפחה איז אַליין נישט אַראָפּגעגאַנגען אין דרויסן. די פּאָליציי האָט זיי אַלע אַראָפּגעפירט מיט די גרייטע פּעקלעך אין די הענט.

בערעלע אַליין האָט זיך באַהאַלטן הינטער אַ לאַנגן פאַרהאַנג. הינטער אַ בלינדער טיר. אַזוי ווי די פּאָליציי האָט געטראָפן גרייט צו גיין די גאַנצע משפחה, האָט זי שוין נישט געזוכט, און עס וואָלט קיינעם נישט איינגעפאַלן אַז הינטער אַ פאַרהאַנג וועט שטיין באַהאַלטן אַ יידיש קינד.

בערעלע איז געשטאַנען אין טויט־שרעק. עס האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

די פּאָליציי איז אַוועק מיט בערעלעס משפחה. ער איז געבליבן איינער אַליין. עס האָט פון אים געגאָסן אַ שוויס. ער האָט זיך צוגעגנבעט צו אַ פענצטערל און מיט אַ האַלב פּנים אַרויסגעקוקט אין דרויסן. ער האָט געזען:

אונטן, אויפן הויף, זיינען יידן געשטאַנען ביי דער וואַנט אין אַ ריי. דער געשטאַפּאָ־אָפיציר שמידט, האָט געקליבן די יידן. זיין פינגער, ווי אַ גיפטיקער־צונג פון אַ שלאַנג, האָט געוויזן:

— רעכטס! לינקס! רעכטס! לינקס!

מיט דער צווייטער האַנט, וואָס ער האָט אין איר געהאַלטן אַ פּאָר ווייסע הענטשקעס, האָט ער געגעבן אַ צייכן; איז אונטערגעפאָרן אַ וואָגן מיט אַ פּאָר פערד און מען האָט די יידן געטריבן אויפן וואָגן, ווי בהמות צו דער שחיטה.

די יידן האָבן אויסגעשטרעקט די הענט און שרעקלעך געוויינט. די געזונטע האָבן געפּרואווט אַראָפּשפּרינגען פון וואָגן, אָבער די פּאָליציי האָט אַלעמען גוט געהיט.

בערעלע האָט געזען ווי זיין יונגער ברודערל, שמחהלע, איז אַראָפּ־געשפּרונגען פון וואָגן. ער איז געבליבן ווי צוגעקלעפּט צו דער ערד. דער פּאָליציאַנט האָט אים געשלאָגן, ער האָט זיך נישט געוואָלט אויפשטעלן. אַ צעהרגעטן, אַ צעבלוטיקטן האָט ער אים צוריק אַריינגעוואָרפן אין וואָגן.

פּאַר אַ ברויט האָט די פּאָליצייַ אַראָפּגעלאָזט פון וואָגן. פּאַר גאָלד, בריליאַנטן האָט די פּאָליציי אַפילו פון זאַמל־פּונקט (וואו מען האָט פּאַר־לאָדנט די קרבנות) באַפרייט.

טייל פּאָליציאַנטן האָבן זיך געמאַכט אוועקקוקן און געהאָלפן יידן זיך ראַטעווען.

בערעלע האָט דורכן פענצטערל אויך געזען ווי מען פירט אַ וואָגן מיט קליינע קינדער. זייער געוויין האָט געשניטן די הערצער. מאַמעס זיינען נאָכגעלאָפן נאָך די קינדער מיט אַ גרויס געוויין, זיי האָבן געשריגן:

— מיין איינציקער אוצר! מיין איינציק לעבן! ווי קען איך דיך ראַ־טעווען?!

אַ סך מאַמעס זיינען אַליין מיטגעגאַנגען מיט זייערע קינדער. אַ סך מאַמעס האָט די געשטאַפּאָ נישט געלאָזט מיטגיין, מען האָט זיי געטריבן און געשלאָגן, ווייל זיי האָבן נאָך געטויגט צו דער ארבעט.

בערעלע האָט אויך געזען ווי עס זיינען דורך דער גאַס אַדורכגעפאָרן עטלעכע לאַסט־אויטאָס מיט קינדער פון יתומים־הויז. די קינדער זיינען געווען יום־טובדיק אָנגעטאָן, אויסגעצוואַגטע מיט פּעקעלעך עסן אין די הענט, און זיי האָבן געזונגען אַ פריילעך קינדער ליד. זיי זיינען גע־פאָרן אין דער זעלבער ריכטונג ווי אַלע פורן: צום זאַמל־פּונקט פון די קרבנות. אַ סך יונגע מענטשן זיינען אַליין מיטגעגאַנגען מיט זייערע קראַנקע און שוואַכע קרובים.

אַזוי איז בערעלע געשטאַנען נעבן פענצטערל און אַלץ געזען, וואָס עס קומט פאָר אין דרויסן. עס האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרצן און ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

בערעלעס אַ מומע האָט געוואוינט אויף דעם זעלבן הויף. איר איז געלונגען צו בלייבן. אָבער זיי זיינען ביידע געגאַנגען אויף די פעלדער אָפּרייסן אַ ביסל גראָז. דאָרטן האָבן זיי געטראָפן אַ סך יידן, וואָס האָבן געריסן גראָז. איז אָנגעקומען די געשטאַפּאָ אויף אויטאָס און מיט מאַשינביקסן געשאָסן אויף די הונגעריקע. די מומע האָבן זיי געכאַפּט און בערעלען איז געלונגען צו אַנטלויפן. ער האָט אַהיינגעברענגט אַ ביסל גראָז, פון דעם האָט ער זיך דערנערט.

אַצינד האָט בערעלע געקלערט ווי אַזוי ווייטער זיך אויסצובאַהאַלטן. איז ער געפאַלן אויף דעם פּלאַן אַנטלויפן קיין „שישקאָוויצע".

מיט דעם נאָמען „שישקאָוויצע" האָבן די געטאָ־יידן באַקליידט דעם געגנד, וואו עס האָבן געוואוינט די „שישקעס"... דאָס איז געווען די פאַרשטאָט מאַרישין: כדי די יידן זאָלן האָבן אַ וועג צום בית־עולם, האָבן די דייטשן צוגעגעבן די פאַרשטאָט מאַרישין צום געטאָ. און אויך כדי צו מאַכן אַ דירעקטע באַן־ליניע צו די טויטן־לאַגערן. פאַר דער מלחמה איז דאָרטן קיין באַן־ליניע נישט געווען. אַצינד אין דער „שפּערע" זיינען די קרבנות טראַנספּאָרטירט געוואָרן אויף דער באַן־ליניע מאַרישין. אין „שישקאָוויצע" האָט דער קייסער געהאַט זיין זומער פּאַלאַץ מיט אַ גאָרטן. אַלע איינוואוינער האָבן געהאַט גערטנער און דאָרטן זיינען אויך געווען די יתומים־הייזער. אָבער עטלעכע טעג פאַר דער „שפּערע" האָבן די דייטשן ליקווידירט די יתומים־הייזער. אין דרויסן זיינען געשטאַנען הויכע גרויסע לאַסט־אויטאָס פאַר בהמות און וואַגאָנען. די „ראַל־קאָמאַנדע", הויכע אויסגעפּאַשעטע דייטשן, ציוויל געקליידעטע, זיינען געשטאַנען אין אַ זייט און זיי האָבן זיך צוגעקוקט ווי גרופּעס קינדער, אויסגעבאָדענע, מיט אַריינגעפלאָכטענע בענדער אין די שיין פאַרקעמטע האָר, אָנגעטועטע אין די יום־טובדיקע מלבושים, מט פעקלעך עסן אין די הענטלעך, זיינען אַרויפגעלאָפן אויף די אויטאָס מיט שמחה זינגענדיק אַ ביילעך פּויליש קינדער ליד:

„יעדזשע פּאַציאָג ז'דאַלעקאָ, אַני כ'ווילי ניע טשעקאָ.
קאָנדאַקטאָזשע לאַסקאַווי, זאַוויעזש נאַס דאָ וואַרשאַווי."

אָט די געוועזענע יתומים־הייזער האָט רומקאָווסקי אין דער „שפּערע" פאַרוואַנדלט אין דערהאָלונגס־היימען פאַר די קינדער און די עלטערן פון די „שישקעס": לייטערס, קאָמיסאַרן און „ביוראָטאָווצעס", וואָס דער אַמטס־לייטער האַנס ביבאָוו ימח שמו האָט באַפרייט פון דער אויסזידלונג.

צו עסן איז דאָרטן געווען פון כל טוב און די קראַנקן שוועסטער פון די ליקווידירטע שפּיטעלער האָבן דאָרט די קינדער און אַלטע לייט באַדינט. עס איז איבעריק צו דערציילן וואָס פאַר אַ קנאה און שנאה דאָס האָט אַרויסגערופן. די יידן האָבן די אויסדערוויילטע גערופן: „ביבאָווס קינדער" און „ביבאָווס עלטערן".

יאָ, האָט בערעלע באַשלאָסן און אַזוי געטאָן. ער האָט זיך ביינאַכט צוגעגנבעט צו אַזאַ דערהאַלונגס־היים, ער איז אַרויפגעקראָכן אויפן בוידעם און דאָרטן האָט ער זיך באַהאַלטן אונטער אַ פאַס.

נאָך זיבן טעג האָט זיך פאַרענדיקט די „אַקציע" און באַלד נאָך דעם האָבן גרויסע פּלאַקאַטן אַראָפּגעשריגן פון די ווענט: „אויפגעהייבן די שפּערע"! איך פאָדער אויף אַלע יודען זאָלן גיין צו דער אַרבעט און זיי זאָלן צוּיאָגן די פּראָדוקציע פאַר דער צייט וואָס זיי האָבן נישט געאַרבעט! — אַמטס־לייטער, האַנס ביבאָוו."

צומאַרגנס האָבן די יידן געזען אין די אַריינגעשמוגלטע דייטשע צייטונגען בילדער, ווי „די יידישע מאַמעס אין לאָדזשער געטאָ וואַרפן אַוועק זייערע קינדער און די עס־עס דערבאַרעמען זיך איבער די יידישע קינדער".

איצט איז בערעלע געבליבן איינער אַליין, עלנט ווי אַ שטיין. פריער, ווען ער איז געווען צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע, איז געווען גרינגער, כאָטש דער הונגער איז געווען גרויס. ער פלעגט זיך שפּילן מיטן קליינעם ברודערל און האָט אים זייער ליב געהאַט. זיי פלעגן זיך ביידע טיילן מיט שטיקלעך ברויט און מיט דער וואַסערדיקער זופּ.

בערעלע האָט טאָג און נאַכט געהאַלטן אין איין וויינען. אַ שכנטע, וואָס אירע צוויי קינדער זיינען געשטאָרבן פון טיפוס און, וואָס די דייטשן האָבן פון איר צוגענומען איר מאַן, האָט בערעלען אַריינגענומען צו זיך. זי האָט אים אַדאָפּטירט.

ביסלעכווייז האָט זיך בערעלע צוגעוואוינט צו זיין נייער מאַמען. די שכנטע האָט אים ליב געהאַט ווי אַן אייגן קינד. זי האָט בערעלען אַוועקגעגעבן איר גאַנצע ליבע, ווייל זי איז דאָך אַליין אויך געווען עלנט ווי אַ שטיין.

בערעלע איז איצט אַלט געווען ניין יאָר. רעכט צו אַרבעטן האָבן נאָר געהאַט קינדער פון צוועלף יאָר און עלטער. און נאָר די, וואָס האָבן געאַרבעט האָבן זיך געמעגט געפינען אין געטאָ. האָט די שכנטע פאַרשריבן בערעלען אויף דרייצן יאָר.

ווינטער. אין געטאָ ברענט דער פראָסט אין די שטובן, ווי אין דרויסן.

מען האָט ספּעציעל די ייִדן אַריינגעטריבן אין אַ נאַסן געגנט. קיין ברען־מאַטעריאַל איז נישטאָ. די שטובן זיינען נאַס, סיי זומער, סיי ווינטער. זומער פוילן די ווענט. עס וואַקסט אויף זיי שוואָמען. דער ווילגאָטש שטינקט. ווינטער גלאַנצן מיט ווייסן שניי די ווענט, דער סופיט און דער דיל. אין יעדער כּלי וואו עס געפינט זיך אַ טראָפּן וואַסער, איז אייז. די פענצטער זיינען פאַרקאַוועט מיט אַ דיקן שיכט אייז און שניי. און פאַרהאָנגען מיט אַ טונקעלער קאָלדרע — צוליב „לופט־שוץ" — וואָס ווערט קיין מאָל נישט אַראָפּגענומען, ווייל ווען מען גייט אַוועק צו דער אַרבעט איז נאָך פינצטער און ווען מען קומט אַהיים פון דער אַרבעט איז אויך פינצטער.

יעדן טאָג האַלב זעקס אינדערפרי מוז בערעלע אויפשטיין. די קעלט שווידערט אים. ער דערוואַרעמט זיך קיין מאָל נישט. אַז מען הונגערט, איז קאַלט. זינט בערעלע געפינט זיך אין געטאָ, איז ער נאָך קיין מאָל נישט זאַט געווען.

איינגעקאָרטשעט וויל ער נאָך אַ ביסעלע ליגן אונטער דער דעק. אָבער ער מוז זיך אָנטאָן און גיין צו דער אַרבעט. וואָס הייסט אָנטאָן? צוליב דער קעלט שלאָפט ער אין אָנטועכץ. אַז אין שטוב איז קאַלט ווי אין דרויסן, וועט ער זיך אויסטאָן אין אַזאַ פראָסט? נאָך אין דער פינצטער שלעפּט בערעלע אַרויף אויף זיך די שווערע „טרעפּעס" (הילצערנע שיך) מיטן מאַנטל און גלייך קלאַפּן זיינע שווערע „טרעפּעס" אויף דעם גליטשיקן צע־ריסענעם טראָטואַר. ער איז באַהאָנגען מיט אַ טאָפּ מיט אַ שטריק איבערן האַלדז, איילנדיק זיך צו דער אַרבעט מיט צענדליקער טויזנטער אַנדערע ייִדן צום „רעסאָרט" (פאַבריק).

דער ווינט דרעשט בערעלעס גוף. דער פראָסט שניידט זיין פּנים און שטעכט אונטער די נעגל. פון טונקעלן בלויען הימל לייכטן אַראָפּ אַ פולע לבנה און צעוואָרפענע שטערן. אונטער בערעלעס פיס שפּילט דער שניי.

קליפּ־קלאַפּ, הילכט אַ געקלאַפּעריי פון „טרעפּעס". עס דערטראָגט זיך אַ סאָפּען פון אַ לאָקאָמאָטיוו, און דאָס טראַסקען פון די פאָרנדיקע וואַגאָנעס. עס קרייעט איין האָן, אַ צווייטער ענטפערט. עס הערט זיך אַ בילעריי פון הינט. דאָס דערמאָנט בערעלען, אַז נישט ווייט איז דאָ אַ וועלט און פריי לעבן. אין זיין האַרצן נאָגט אַ בענקעניש צו דער פריי־הייט, אָבער ער טרייסט זיך אַז נישט אייביק וועט דאָך די מלחמה דויערן און ער וועט זיין צוריק מיט זיינע עלטערן.

בערעלע שטעלט טריט מיט מורא, אַז די דייטשן וואָס האַלטן וואַך

ביי די דראַטן, זאָל זיך, חלילה, ניט פּאַרווײַלן מיט דערשיסן אים, ווי זיי טוען דאָס אָפט מיט די יידן.

בערעלע מוז קומען אין פאַבריק צו דער צייט. זיבן אַ זייגער מוז שוין יעדער זיין ביי דער אַרבעט. און צו דער אַרבעט האָט בערעלע זייער ווייט צו גיין — אַז נישט, באַקומט מען אַ שטראָף: מען נעמט צו די זופּ. פון וואָס איז באַשטאַנען די זופּ? אַ זיבעציקסטל פון אַ ליטער פאַר דער־וואַקסענע (אַ פופציקסטל פאַר קינדער) וואַסער, וואו עס זיינען אַרומגעשוואוּ־מען אַ פּאָר שטיקלעך אויסגעטרוקנטע קילעריבן. פרישע קילעריבן איז שפּייז פאַר בהמות, אָבער, אַז מען צעשניידט די קילעריבן און מען טרוקנט עס אויס, ווערט פון דעם האָלץ. די זופּ — דאָס איז געווען דער פונדאַ־מענט פון טאָג־לעבן.

* * *

בערעלע האָט געאַרבעט אין אַ קינדער־שניידער־פאַבריק. דאָרטן האָבן געאַרבעט בלויז קינדער. איין דערוואַקסענער מענטש, דער אינסטרוקטאָר, האָט אַכטונג געגעבן אויף דער אַרבעט. אין דעם הויז איז ביז דער „שפּע־רע״ געווען אַ קינדער־שפּיטאָל. צום דריטן יאָרטאָג פון דער מלחמה־אויסברוך האָבן די דייטשן ליקווידירט אַלע שפּיטעלער אין לאָדזשער געטאָ. די געשטאַפּאָ איז פאַרפאָרן מיט אויטאָס, זיי האָבן אַרומגערינגלט די שפּיטעלער און זיי האָבן די קראַנקע, סיי דערוואַקסענע, סיי קינדער, אַרויסגעוואָרפן דורך די פענצטער ווי לופעס האָלץ. די קרעפּטיקערע וואָס האָבן געפּרואווט אַנטלויפן, זיינען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. אין דער „שפּערע״ האָבן די דייטשן פון די בנינים געמאַכט זאַמל־פונקטן פאַר די קרבנות. און נאָך דער „שפּערע״ האָט מען פון די געוועזענע שפּיטעלער געמאַכט פאַבריקן. אָט אין די זאַלן פון געוועזענעם קינדער־שפּיטאָל, זיינען געשטאַנען צוויי רייען מאַשינען. יעדעס קינד האָט גענייט אַ טייל פון אַ זעלנערישן בגד. טייל קינדער מיט די הענט, טייל אויף מאַשינען, טייל האָבן געפּרעסט.

די קינדער האָבן אַרויסגעגעבן ערשט־קלאַסיקע אַרבעט, זיי האָבן פון זיך די נשמות אַרויסגעיאָגט ביי די טויזנטער מונדירן פאַר דעם דייטשן מיליטער. זיי האָבן געהאַט אַ ציל וויפיל פּראָדוקציע אַרויסצוגעבן. זיי זיינען געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדן בגד פונקט ווי די דערוואַק־סענע. יעדער קלענסטער דעפעקט האָט ביי די דייטשן געהייסן „סאַבאָ־טאַזש״. ווען אַ דייטשע קאָמיסיע איז געקומען באַזוכן די קינדער־שניי־דער־פאַבריק, זיינען זיי דערשטוינט געוואָרן פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון די יידישע קינדער.

בערעלען האָט מען גערופן „קלעפּסידרע" (נעקראָלאָג), ווייל ער האָט אויסגעזען ווי אַ טויטן־שאַרבן. ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף זיינע דינע פיסלעך און ער האָט זיך קוים באַוואויגן.

ווען אַ דייטשע קאָמיסיע איז געקומען אין פאַבריק האָט זיך בערעלע באַהאַלטן צוליב זיין שלעכטן אויסזען.

* * *

בערעלע האָט איין מאָל אָרגאַניזירט אַ סטרייק. עס איז דעמאָלט געווען אין געטאָ אַ שרעקלעכער הונגער. אויסער דעם שטיקל געקינצלט־ברויט מיט דער וואַסערדיקער זופּ, האָט מען מער גאָר נישט באַקומען. די קינדער, ווי די עלטערע, זיינען געוואָרן שוואַכער און שוואַכער. זיי האָבן נישט געקענט אַרויסגעבן די אָנגעוויזענע פּראָדוקציע.

האָט דער אינסטרוקטאָר פון פאַבריק פאַראָרדנט צו צונעמען דאָס ביסל זופּ. האָבן די קינדער געטענהט:

— אַז איר נעמט פון אונדז צו די זופּ, וועלן מיר נישט קאָנען אַרויסגעבן די אַרבעט.

דער גרעסטער טייל קינדער זיינען געווען אַריינגעצויגן אין דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע פון אַלע פּאַראייניקטע פּאַרטייען אין געטאָ.

בערעלע האָט אויך אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין דער אונטערערדישער באַוועגונג. מען האָט די קינדער דערציילט די געשיכטעס פון העלדן וואָס האָבן אָװעקגעגעבן זייער לעבן פאַר דער פרייהייט. און געשיכטעס פון אונטערדריקטע, וואָס האָבן אַליין זיך אויסגעקעמפט די פרייהייט. די קינדער זיינען געוואָרן באַהויכט מיטן גייסט צו קעמפן פאַר זייער רעכט. בערעלעס טרוים איז געווען צו ווערן אַ יהודה המכבי.

בערעלעס עלטערן זיינען געווען סאָציאַליסטן, דערפאַר האָט ער געוואוסט ווי אַזוי אָנצופירן אַ סטרייק.

דער אינסטרוקטאָר האָט געזען אַז די קינדער האַלטן זיך אייניק, האָט ער געוואָלט צווישן זיי אַרויסרופן קנאה און שנאה. איז ער געפאַלן אויף אַזאַ פּלאַן: ער האָט אויסגעטיילט פּופצן טאַלאָנען אויף זופּן פאַר איבער הונדערט קינדער. איז בערעלע אַ שפרונג אַרויף געגעבן אויף אַ באַנק, האַלטנדיק אין דער האַנט דעם טאַלאָן. מיט זיין שוואַכער שטימע האָט ער געברענט און געצונדן די הערצעלעך פון די קינדער ווי אַ נביא:

— חברים! מיר מוזן זיך פּאַראייניקן מיט די, וואָס האָבן נישט באַקומען קיין זופּ, וואָס זיינען מיר בעסער פון זיי? זיי הונגערן נישט ווי מיר? מיין עצה איז, אַז קיינער זאָל נישט נעמען די זופּ, ביז אַלע וועלן קריגן פּאַרציעס. איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם!

— בראַוואָ! בראַוואָ! — האָבן אַלע קינדער אויסגעשריגן מיט צאָרן און פרייד.

ווען מען האָט געבראַכט די קעסלען זופּ האָט זיך קיין איין קינד נישט צוגערירט צו דעם. כאָטש אַלע זיינען געווען שרעקלעך הונגעריק. דער גרעסטער טייל קינדער האָט שוין נישט געהאַט געגעסן פון נעכטן אָן.

די קעסלען זיינען געשטאַנען אָפּן. די פּאַרע האָט געזעצט. עס האָט זיך צעטראָגן איבערן זאַל אַ געשמאַק פון זופּ, וואָס האָט געררייצט דעם מאָגן.

די אויסטיילער האָבן נישט געקענט באַגרייפן, וואָס עס איז מיט די קינדער געשען. יעדן טאָג ווערט מען דערהרגעט ביים אָפּנעמען דאָס ביסל זופּ, יעדער רייסט זיך צו באַקומען זיין פּאַרציע וואָס פריער, און היינט איז שאַ — שטיל, קיין קינד נעמט נישט זיין פּאַרציע... זיי האָבן נישט געוואוסט אַז דאָס איז בערעלעס אַרבעט.

* * *

דער לייטער פון דער פאַבריק האָט גלייך טעלעפאָנירט צום „קייסער" פון געטאָ, מרדכי חיים רומקאָווסקי, וואָס דאָ קומט פאָר.

דער משוגענער (אַזוי האָבן אים די יידן גערופן) איז געקומען צופליען אויף זיין דראָשקע.

ס'ערשטע האָט ער אויסגעפּאַטשט אַ פּאָר יינגלעך, כדי אַנצוואַרפן אַ מורא אויף די קינדער. דערנאָך איז ער אַרויפגעפאַלן אויף'איין יינגל — מיט דער לינקער האַנט האָט ער זיך צוגעהאַלטן די ברילן און מיט דער רעכטער האַנט האָט ער דאָס יינגל געפּאַטשט און ער האָט געשריגן אויף זיין ליטווישן אַקצענט:

— זשאָג ווער זשיינען די בונטאָווטשיקעס?!...

דאָס יינגל האָט אים גאָרנישט געענטפערט.

דעם „קייסער" איז דאָס בלוט געקומען אין פּנים אַריין. דער הויכער שטערן־האָט זיך געקנייטשט, די זילבערנע פילאָזאָפישע פּאָלקע האָט זיך געטרייסלט. ער איז אַרויפגעפאַלן אויף אַ צווייטן און אויף אַ דריטן יינגל. ער האָט געשלאָגן און געקאַפּעט מיט די אָפּיצירישע שטיוול און ספּאָז־מאַטיש געשריגן:

— זשאָגט ווער זיינען די בונטאָווטשיקעס! וואָרן איך וועל אייך אַלע ממיתן!

די קינדער האָבן געשוויגן.

דער „קייסער" האָט שווער אָפּגעאָטעמט, דערנאָך האָט ער זיך גע־ווענדעט צו די קינדער וואָס ער האָט נישט געשלאָגן:

— זשאָגט מיר, קינדער, איר זיינט דאָך מיין גאַנץ לעבן (דעם פּרע־

זעסעס באַליבט וואָרט), ווער זשיינען די, וואָס לאָזן אייך נישט עסן דאָס ביסל זופּ? — מיט אַ חניפה שמייכעלע האָט ער יעדן קינד געקוקט אין די אויגן אַריין. קיינער האָט אים נישט געענטפערט. האָט דער „קייסער" אַ געשריי געגעבן מיט גרויס כעס:

— איר זאָגט צי נישט? וואָרים איך וועל אייך אַלע הייסן געבן שמיץ! (אין געטאָ האָט מען געשמיסן פאַר יעדער קלענסטער זינד).

די קינדער האָבן געשוויגן.

— קינדער מיינע, — האָט ער פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן מיט חניפה און מיט אַ טאָן ווי מען דערציילט אַ סוד — ווער עס וועט מיר זשאָגן ווער ס'זיינען די בונטאָווטשיקעס, דעם וועל איך געבן אַ גאַנץ ברויט מיט אַ פערטל קילאָ וואורשט. נו, ווער זשאָגט דער ערשטער?

אַזאַ מתנה איז אין געטאָ געווען ווי אַ באַגנעדיקונג פאַר אַ פאַר־משפטן, וואָס שטייט שוין אונטער דער תליה. מיט דעם, איז דער פּרעזעס געווען זיכער, אַז ער האָט געכאַפּט דעם פויגל. אָבער ער איז געבליבן אַנ־טוישט. האָט ער מיט גרויס רציחה אויסגעקליבן צען ייִנגלעך: — דו! דו! דו! איר באַקומט דריי טעג „פּעקאַליע"! (אויסשעפּן מיט האַנט־עמערס די אַפּטריטן, איינשפּאַנען זיך אין פאַס און פאָרן פון גאַס צו גאַס איבערן גאַנצן געטאָ). און היינט באַקומט איר אַלע אַ קדחת (דעם פּרעזעס באַליבסטע וואָרט) ניט קיין זופּ! און דאָ אין רעסאָרט וועט איר אַלע ליגן ווי די הינט, ביז ניין אַזייגער ביינאַכט! קיין שום שפּייז וועל איך צו אייך ניט צולאָזן! נאָר אַ קדחת! — האָט ער געוויזן אַ פייג.

די קינדער האָבן אויפגענומען די שטראָף מיט שוויגן.

ווען דער אַלטער איז אַוועקגעפאָרן האָט בערעלע דער ערשטער אָנ־געהויבן צו זינגען און אַלע קינדער מיט אים:

אונזער פּרעזעס חיים
איז דאָך זייער אַ גוטער,
מען וועט נאָך ביי אים עסן
זעמעלעך מיט פּוטער...

רומקאָווסקי חיים האָט גוט געטראַכט,
ער אַרבעט שווער ביי טאָג און ביינאַכט,
ער האָט געמאַכט אַ געטאָ
מיט אַ דיעטע
און ער שרייט אַז ער איז גערעכט!

רומקאָווסקי חיים, דער עלטסטער יודע,
ער איז געשעצט פון די געשטאַפּע
ער איז טאַקע אונדזער ברודער
אָ, באַזאָרגט אונדז מיט פּאַפּע...

שטאָקהאָלם 1946.

די דערציילונג ווערט געלייענט יום כיפור
צו יזכור, אדער ביי אלה אזכרה.

רבקה׳לעס קידוש השם

רבקהלע איז דערוויל אפגעטיילט געווארן אין א באזונדערן באראק פון בלויז קינדער, וואס דאקטאר מענגעלע האט זיי נעכטן, אין דער נאכט פון הושענה רבה, אויסגעקליבן צו פארברענען.

די קינדער האבן שוין געוואוסט נאך וואס מען האט זיי דא איינגעזאמלט. טייל קינדער האבן געשריגן:

— טאטעשי! מאמעשי; ראטעוועט!

— איך וויל נאך לעבן!

— איך וויל נישט פארברענט ווערן!

אנדערע האבן שטום געקוקט פאר זיך.

ארום און ארום איז דער באראק געווען באוואכט פון „עס־עס". אויפן דאך זיינען געווען קליינע פענצטערלעך. האט רבקהלע געגעבן אן עצה, אז מען זאל זיך דורך די פענצטערלעך פרווון ארויסגנבענען.

די קינדער האבן זיך ארויפגעשטעלט איינס אויף דעם צווייטן און עס איז געלונגען עטלעכע ארויפצוקריכן אויפן דאך.

רבקה׳לע איז געווען די וועג־ווייזערין: זי איז געקראכן די ערשטע. זי איז געלעגן אויפן דאך, רואיק איינגעהאלטן דעם אטעם, שטיל אראפגעקוקט און געזען ווי דער „עס־עס"־מאן מיטן ביקס שפאצירט הין און צוריק.

דער רעגן גיסט, דער ווינט בלאזט. זי האט אויסגעווארט א מינוט, ווען דער „עס־עס"־מאן האט זיך ארונטערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט ארום באראק, דאן האט זי זיך שטיל אראפגעלאזט פון דאך און נאך איר האבן זיך אראפגעלאזט נאך עטלעכע קינדער.

עס איז געווארן ליכטיק פון פייער. שאסן האבן אפגעהילכט. עטלעכע קינדער זיינען געבליבן ליגן טויט. רבקה׳לען איז געלונגען צוצולויפן אין דער לאטרין (בית הכסא) אריין. דאס איז גראד געווען דער נאענטסטער באראק. זי איז ארונטער אונטער א געזעס אונטערן דיל. זי האט זיך אריינגעדריקט אונטער א „קראקווע" און דארטן איז זי אפגעלעגן א גאנצע נאכט.

שמיני־עצרת אינדערפרי זיינען די קאַצעטניקעס אַריינגעקומען אין דער „לאַטריך". האָט רבקה׳לע געהערט ווי זיי רעדן צווישן זיך וועגן דער שחיטה, וואָס איז פאָרגעקומען די לעצטע נאַכט.

קיין איין באַראַק האָט די שחיטה ניט אויסגעמיטן. די עלטערע און דערוואַקסענע זיינען גליידך געגאַנגען אין אויוון אַריין, ווי דער שטייגער איז דאָ: „מען קומט אַריין דורכן טויער און מען גייט אַרויס דורכן קוימען". די „עס־עס" האָבן איינגעזאַמלט די קינדער אין איין באַראַק. מען שמועסט, אַז זיי וועט מען פאַרברענען אום שמחת־תורה.

רבקה׳לע איז געלעגן אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט אָן עסן. עס האָט זי געוואָרפן פון קעלט. קיינעם איז נישט איינגעפאַלן אַז עס ליגט דאָ ווער באַהאַלטן.

אויפן צווייטן טאָג האָט רבקהלע געהערט אַזאַ שמועס:

— האָסט געהערט, אין באַראַק פון די סעלעקטירטע קינדער פעלט איין קינד? עס איז געלונגען — זאָגן די „עס־עס" — איין קינד צו אַנטלויפן אין יענער נאַכט... געפונען האָט מען זעקס טויטע קינדער נאָכן שיסן. די „עס־עס" האָט פאַראָרדנט: אויב דאָס אַנטלאָפענע קינד וועט ניט זיין היינט ביז פיר נאָכמיטאָק, פירן זיי דורך אַ סעלעקציע. פאַר דעם איינעם קינד וועלן זיי נעמען הונדערט.

רבקה׳לען האָט די ידיעה אַ זעץ געגעבן אין הארצן: „פאַר מיר הונ־דערט! צי מעג איך דאָס טאָן? מעג איך מיך ראַטעווען דורך דעם, אַז הונדערט זאָלן מיך אויסלייזן?... ניין! — האָט זי זיך געזאָגט. — אָבער איך בין נאָך אַזוי יונג, איך וויל נאָך לעבן! עס איז שוין באַלד אויס מלחמה, איך וויל ניט פאַרברענט ווערן לעבעדיקערהייט! איך וועל נאָך צוואַרטן, אפשר „סטראַשען" זיי בלויז די „עס־עס". מעגלעך, אַז אַלץ וועט אַדורך בשלום. — אַזוי האָט רבקה׳לע געטראַכט.

דערווייל האָט יעדע בלאָק־עלטסטע אַ גאַנצן טאָג געהאַלטן אין איין איבערציילן אירע מענטשן, פונאַנדערגעטריבן און ווידער געציילט. זיי האָבן געטראַכט: אפשר וועט דאָך פון וועלכן עס איז באַהעלטעניש קומען דאָס קינד און עס וועט זיך ערגעץ צושטעלן. אָבער אומזיסט. אומעטום האָט „געשטימט".

דער גאַנצער לאַגער איז געווען אין אַן אויפגערעגטן צושטאַנד: אַלע האָבן געוווּסט, אַז סעלעקציע — איז נישט גוט! אַז ווען מען זאָגט הונדערט, קאָנען זיין טויזנטער. יעדער האָט מורא געהאַט, אַז ער קאָן ווערן מיטגענומען.

דריי אזייגער האט מען אנגעהויבן קלינגען און שרייען: „אלעס אין בלאק!"

רבקה'לע האט געהערט לויפן. זי האט געהערט ווי איין פרוי צו דער צווייטער האט געזאגט: „די שחיטה הויבט זיך שוין אן".

אין יעדן בלאק האט מען אויסגעשטעלט די פרויען גרייט צו דער סעלעקציע. די בלאקן־עלטסטע האבן געהאלטן אין איין ציילן. די „שטובן־דינסט" מיט די „קאפאס" האבן געגישטערט אין יעדן ווינקל פון לאגער.

די „עס־עס" זיינען געשטאנען גרייט און געווארט ביז די ווייזערס וועלן צוגיין צו פיר.

רבקה'לע, ליגנדיק אין דער לאטרין אונטער דער פאדלאגע צווישן די „קראקוועס", האט אלץ נאך געפירט א קאמף מיט זיך: — יא צושטעלן זיך נישט צושטעלן זיך? — פלוצלינג האט זי זיך דערמאנט: מען האט גע־וואלט הענגען יעדע צענטע פרוי צוליב דעם ספרל וואס איר מאמע האט געהאט באהאלטן אונטער א ברעט, וויל די „עס־עס" האט נים געוווסט צו וועמעס דאס ספרל געהערט. האט זיך איר מאמע אליין צוגעשטעלט. „זאל איך לאזן גיין צום טויט הונדערט אנדערע? ניין! — האט רבקה'לע פעסט באשלאסן. — „איך וועל גיין אין זעלבן וועג ווי מיין מאמעשי!"

רבקה'לע האט נאכאמאל אדורכגעלעבט דאס גאנצע געשעהניש. זי האט געזען ווי די מוטער איז ארויסגעגאנגען פון דער ריי און דרייסט געזאגט צו אירמא גרייזער — דער קעניגין פון אוישוויץ: „איך בין די שול־דיקע! די ביבעל געהערט מיר!"

* * *

אין יעדן בלאק איז שוין אלצדינג צוגעגרייט צו ז'ער סעלעקציע. די בלאקאוועס קוקן אויפן זייגער און עס פעלט נאך צען מינוט צו פיר.

די „עס־עס" ציילן די סעקונדן.

אינדרויסן אין גאנצן לאגער געפינט זיך נישט קיין לעבעדיקער נפש. עס שוועבט נאר דער מלאך־המות. די לופט איז אנגעפילט מיט סמא־ליענדיקן ביינער־גערוך פון די וואס ברענען אין די קרעמאטאריעס. ביים באראק ווו עס געפינען זיך די סעלעקטירטע קינדער היטן עטלעכע „עס־עס"־מענער. זייערע טריט קלינגען אפ איבערן גאנצן לאגער. עס דוכט זיך אז דאס גייט דער טויט. די „עס־עס" קוקן אויף די זייגערלעך: עס פעלט נאך אכט מינוט צו פיר, און גענעצן פון לאנגווייליגקייט.

ווי פון דער ערד ארויס לויפט א מיידעלע מיט אויפגעהייבענע הענט. אלע קוקן. די „עס־עס" ציען אויס די ביקסן. דאס מיידעלע שרייט מיט אלע כוחות:

— הערן פאסטן! איך בין דאס מיידעלע וואס כ׳בין אנטלאפן! איך בין עס!

מען האט באלד געמאלדן אין ביורא פון די „עס־עס", אז דאס קינד האט זיך אליין צוגעשטעלט.

עס איז געקומען א באפעל: „אויס סעלעקציע!"

אין אלע בלאקן האט מען זיך צעקושט און געוויינט פאר פרייד.

* * *

ווען רבקה׳לע איז אריינגעקומען אין בלאק, זיינען אלע קינדער צו איר צוגעלאפן און געפרעגט: „פארוואס ביסטו צוריקגעקומען? וואלסט דו כאטש זיך געווען געראטעוועט"..

האט זי רבקה׳לע אלצדינג דערציילט וועגן דער מאמען אירער, און זי האט פארענדיקט: „ברידערלעך און שוועסטערלעך, שטארבט שטאלצע יידן! לאמיר אלע צוזאמען אויסשרייען: „שמע ישראל"!

אלע קינדער האבן צוזאמען אין איין אטעם אויסגעשריגן:

„שמע ישראל ד׳ אלקינו ד׳ אחד!!!"

* * *

דעם זעלבן טאג, פארנאכט, ווען דער גאנצער לאגער איז געשטאנען אויף אפעל, איז פארגעקומען א סעלעקציע. דאקטאר מענגעלע האט אויס־געקליבן נאך זעקס טויזנט פרויען... רבקהלע איז אוועק אין אויוון אריין צוזאמען מיט אלעמען.

* * *

א גאנצע נאכט האבן פון די פיר קרעמאטאריע אויוונס געיאגט פלאַ־מען־פייער.

* * *

דבורה־לאה האט נאכגעטאן איר פאטער ר׳ אהרן און האט ווי ער מקדש השם געווען.

רבקהלע ווידער האט נאכגעטאן איר מאמען און האט מקדש השם געווען פונקט ווי איר מאמע און איר זיידע.

- סוף -